STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08366

DOYER IN TRERN

Isaac Lewenter

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יצחק לעווענטער

☆

דויער אין טרערן

לזכר יקירי שניספו בשואה — הי"ד

אבי אברהם-אלתר לעווענטער, הכהן
אחי מאיר לעווענטער, אשתו הלן ובתם לידיא
אַחַי פנחס; הירש (קצין בצבא הפולני, נרצח בקאטין); רפאל;
אחותי טויבע-רבקה, בעלה דוד קרייזברג ובתם מארטא
אחי משה לעווענטער, נפל בצבא הפולני בלובלין
אמי מלכה ואחותי רחל מתו לפני מלחמת העולם השניה

ת. נ. צ. ב. ה.

ד״ר יצחק לעווענטער

דויער אין טרערן

זכרונות
און
לידער

☆

תל־אביב, 1970

Dr. ISAAC LEWENTER

DOYER IN TRERN

זכרונות און לידער

Memories and poems

☆

נדפס בישראל

Printed in Israel, 1970

דפוס „ארזי", תל־אביב

לצילה רעיתי — באהבה.

לזכר בננו היחיד והיקר
מאַרצעל (מאיר־משה) ז״ל
שנספה בשואה.



מאַרצעל לעווענטער ז״ל



ד״ר יצחק לעווענטער

אַ לויבוואָרט

מיט אַ געפיל פון פרייד, ווידמע איך עטלעכע ווערטער מיין לאַנדסמאַן און פריינד ד״ר יצחק לעווענטער, דעם מחבר פון בוך „דויער אין טרערן״.

פאַר אונדז ראָהאַטינער איז ד״ר יצחק לעווענטער באַקאַנט, ווי אַ פּאָפּולערער גוטער מעדיקער, איבערגעגעבענער ציוניסט און אויך אַלס רעדנער.

מיטן דערשיינען פון זיין בוך „דויער אין טרערן״ דערוויסן מיר זיך מיט שטאָלץ, אַז ער שרייבט אויך זכרונות און לידער.

אַלס פּאָפּולערער מעדיצינער אין ניו־יאָרק, אָפּט פאַרנומען מיט זיינע פּאַציענטן, אַן איבערגעגעבענער טוער פון פיל יידישע סאָציאַלע אינסטיטוציעס — זוכט ער און געפינט אויך די געלעגנהייט צו באַזוכן, פון צייט צו צייט, אונדזער לאַנד, וואָס ווייזט אויף זיין צוגעבונדנקייט בלב־ונפש צו ישראל.

אַלס אַזעלכער האָט ד״ר יצחק לעווענטער אויך געזען פאַר ריכטיק אַרויסצוגעבן זיין בוך — **נאָר אין ישראל.**

נאָכן איבערלייענען דאָס בוך, וועט דער לייענער זיכער דערגיין צו נאָך אַנדערע פּאָזיטיווע מסקנות איבערן מחבר פון „דויער אין טרערן״; ווייל ער וועט געפינען אַן אינהאַלט וועלכער וועקט געדאַנקען וועגן פאָלק און זיין לעבנס־גאַנג.

יהושע שפּיגעל

דוויער אין טרערן

ווי די פּאָליאַקן האָבן זיך אויפגעפירט אין גאַליציע

(אַן עפּיזאָד פון דעם אַקאַדעמישן לעבן)

נאָך אונדזער גרויסער קאַטאַסטראָפע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען מיר האָבן פאַרלוירן אַ דריטל פון די בעסטע יידישע מאַסן אין אייראָפּע, קומט אפשר זעלטן אויף די געדאַנקען צוריק־צוגיין מיט די דערינערונגען אַזוי ווייט ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דערצו נאָך צו רעדן וועגן דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט אין פוילן.

עס זענען אַוועק אַ סך יאָרן זייט איך האָב אָנגעהויבן אָט די דערינערונגען צו שרייבן, נאָר איך פיל אַ באַדערפעניש זיי ממשיך צו זיין ביזן פאַרענדיקן.

איך פיל עס ווי מיין חוב איבערצוגעבן, פשוט דערציילן, וואָס איך דערמאָן זיך פון מיינע איבערלעבונגען אַלס פּרעזידענט פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט אין פוילן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס מוז איך טאָן, ווייל עס כאַראַקטעריזירט די לאַגע פון דער יידישער יוגנט און דאָס אויפפירן זיך פון דעם גרעסטן טייל פון די פּאָליאַקן.

ביז 1918 בין איך געווען אַן עסטרייכישער בירגער אין לעמ־בערג, די הויפּט־שטאָט פון מזרח־גאַליציע, וווּ פּאָליאַקן, יידן און אוקראַאינער האָבן געוווינט און געווען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. אין די עסטרייכישע מיטלשולן און אוניווערסיטעטן האָבן מיר נישט געוווּסט פון קיין שום דיסקרימינאַציעס קעגן יידן, און פון אַ באַגרענעצטער צאָל פאַר יידן (אַ. ג. נומערוס קלאַוזוס).

אין נאָוועמבער 1918, ווען די עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַר־כיע איז זיך צעפאַלן, האָבן די אוקראַאינער איבערגענומען די מאַכט אין מזרח־גאַליציע. אָבער עס איז געקומען צו שווערע קאַמפן און נאָך אַ פּאָר חדשים האָבן די פּאָליאַקן געזיגט און גאַנץ גאַליציע איז פון זיי באַהערשט געוואָרן.

אָבער דאָס איז נישט געווען דער סוף פון די צרות. ס׳איז געקומען צו ווייטערדיקע שלאַכטן מיט די באָלשעוויקעס און זיי זענען צוגעקומען ביז צו די טויערן פון וואַרשע און לעמבערג. צום סוף האָבן די פּאָליאַקן געזיגט און די מלחמה האָט זיך געענדיקט צוזאַמען מיט דעם יאָר 1920.

פאַרשטייט זיך, אַז ווייל עס זענען געווען מלחמה־יאָרן, איז אויב אפילו עס זענען אָראַנזשירט געוואָרן קורסן אויף דער אוניווערסיטעט — זענען דאָס געווען בלויז און נאָר פאַר פּאָליאַקן; פאַר יידן איז קיין פּלאַץ נישט געווען און מען האָט אפילו נישט געטראַכט פון זייער עקזיסטענץ.

✶

איצט צו דער לאַגע פון דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט און אירע אינסטיטוציעס אין לעמבערג.

כל זמן מיר זענען געווען אין עסטרייך־אונגאַרן, האָבן מיר אָפיציעל נישט געוווּסט פון קיין דיסקרימינאַציעס קעגן יידישע סטודענטן. עס האָבן נישט עקזיסטירט קיין באַשרענקונגען ביים אויפנעמען יידישע סטודענטן אין דער אוניווערסיטעט, אָדער, פריער אין מיטל־שולן (גימנאַזיעס). מיר האָבן געלעבט ווי פרייע בירגער מיט די זעלבע רעכט ווי אַנדערע.

ווען מען האָט אָנגעהויבן אין פּוילן אויפנעמען סטודענטן אין דער אוניווערסיטעט נאָך דער מלחמה אין 1921, זענען צום ווייניקסטן אויפגענומען געוואָרן יידן אויף דעם פילאָזאָפישן פאַקול־טעט, ווייל זיי האָבן, חלילה, געקאָנט אויסשטודירן און ווערן

לערער אין מיטעלע און העכערע שולן. און אויף מעדיצין זענען אויפגענומען געוואָרן נאָר די, וואָס האָבן געדינט אין דער פוילישער אַרמיי.

דער אַלגעמיינער צושטאַנד פון די אויפגענומענע סטודענטן איז געווען ביטער ווי די גאַל, סיי מאָראַליש און סיי מאַטעריעל. מאָראַליש — מען האָט געפילט דעם אַנטיסעמיטיזם פון די פּאָליאַקן אויף טריט און שריט; און מאַטעריעל — ס'איז איבערהויפּט די יידן געגאַנגען שלעכט אין יענער צייט.

כדי צו העלפן זיך, האָבן מיר אָרגאַניזירט די אַקאַדעמישע יוגנט אין לעמבערג און מיר זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיט די קאָלעגן אין וואַרשע, קראָקע און דערנאָך אין ווילנע. איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין דער פּאָרזיצער פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזירטער אַקאַדעמישער יוגנט אין פוילן און פון די יידישע מעדיצין־סטודענטן אין לעמבערג.

ס'איז אונדז געלונגען צו אָרגאַניזירן אין לעמבערג אַ בירגער־הילפס־קאָמיטעט פאַר דער אַקאַדעמישער יוגנט מיט הרב ד״ר שאָר ז״ל, און דעם ד״ר רייך בראש, און דער קאָמיטעט האָט געהאָלפן מאָראַליש און מאַטעריעל דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט.

✶

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט זענען זייער ווייניק סטודענטן אויפגענומען געוואָרן אויף דער אוניווערסיטעט. ווי דער פּאָרזיצער פון דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט־עקזעקוטיוו האָב איך געדאַרפט אַפּעלירן צו די אויטאָריטעטן וועגן דעם לעבנס־וויכטיקן פּראָבלעם.

זענען מיר געגאַנגען אַ דעלעגאַציע פון דריי אויסגעוויילטע דורך דער גרויסער פאַרזאַמלונג פון דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט, אינטערוועניר בײַ דער אוניווערסיטעט־מאַכט.

דער רעקטאָר איז געווען דער באַקאַנטער פוילישער פּאָעט, יאַן קאַספּראָוויטש. ער האָט אונדז העפלעך אויפגענומען און דער־

קלערט, אַז עס איז נישטאָ קיין „נומערוס קלאַוזוס״ פאַר יידן. אויב מען האָט נישט אויפגענומען אַלע, וואָס האָבן אָנגעגעבן בקשות, איז עס נאָר ווייל די אוניווערסיטעט האָט זיך איבער־געצויגן אין די נייע געביידעס פון דעם געוועזענעם גאַליציאַנער פּאַרלאַמענט און נישט געהאַט גענוג געלט פאַר דער נייער איינריכטונג און פאַר די הוצאות פון איבערציען־זיך פון דער אַלטער אוניווערסיטעט־געביידע. אָבער ער פאַרזיכערט אונדז, אַז נאָך די פעריען וועט יעדערער אָנגענומען ווערן ווייל זיי האָבן פאַר דעם צוועק באַקומען 30 מיליאָן מאַרק.

נו, איז דאָך דאָס געווען אַ טייערער צוזאָג! און נאָך דעם באַזוך ביי די דעקאַנס פון די פאַקולטעטן זענען מיר געקומען צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג מיט די טייערע ידיעות. פאַר־שטייט זיך, אַז זיי זענען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטו־זיאזם און די האָפענונג פון די אייביק־ליידנדיקע יידישע הערצער, איז געווען גאָר גרויס.

די דערמאָנטע דעלעגאַציע אונדזערע צו די אוניווערסיטעט־אָנפירער איז געגאַנגען פאַר די פעריען און אַ גאַנצן זומער האָט מען געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אַ גוטע ענדערונג וועט פאָרקומען נאָך די פעריען, ביים אָנהייב פון נייעם אַקאַדעמישן יאָר, אָנהייב אָקטאָבער. אָבער דער פּוילישער צוזאָג איז געווען, ווי געוויינלעך, אָן שום באַדייטונג. מען האָט פאַר דעם קומענדיקן אוניווערסיטעט־יאָר אויפגענומען נאָך ווייניקער יידן ווי פריער. מיר האָבן ווייטער געמאַכט אַ פּרווו און איך האָב ווייטער געפירט די דעלעגאַציע צו דער אוניווערסיטעט־מאַכט. עס איז געווען אַ נייער רעקטאָר, דער גלח נאַראַיעווסקי, אַ באמת פיינער און כאַראַקטערפולער מענטש. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג פון דעם וואָס עס איז געשען. אָבער דער געוועזענער רעקטאָר, דער פּאָעט קאַספּראָוויטש האָט פלוצלונג פאַרגעסן פון דער גאַנצער אינטערוועניץ, פון זיינע צוזאָגן, און פון די 30 מיליאָן

מאַרק, וועלכע האָבן געדאַרפט דערמעגלעכן דאָס אויפנעמען אַלע סטודענטן, וואָס האָבן געהאַט רעכט צו אַקאַדעמישע שטודיען.

אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט האָט מען נישט אויפגענומען אפילו איין יידישן סטודענט. ווען מיר זענען געקומען צו דעם דעקאַן סעמיראדסקי, האָט ער אונדז אויפגענומען ווי מיר וואָלטן געווען גאַסן־יונגען. ער האָט זיך אויסגעבייזערט און אונדז באַליידיקט אַזוי ווייט, אַז איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, ער זאָל זיך רעכענען מיט זיינע ווערטער און מיט זיין טראַקטירן אונדז, ווייל מיר רעפּרעזענטירן די יידישע אַקאַדעמישע יוגנט — וואָס ציילט עטלעכע טויזנט סטודענטן און מיר וועלן קיינעם נישט דערלויבן צו באַליידיקן די רעפּרעזענטאַנץ פון אונדזער אַקאַדעמישער יוגנט. מיר זענען נישט געקומען מיט קיין בקשות, נאָר מיט גערעכטע פאַרלאַנגען פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער יוגנט.

זיין חוצפה און געמיינהייט איז שווער צו באַשרייבן.

✶

איך האָב גערופן אַן אַלגעמיינע עפנטלעכע פאַרזאַמלונג פון דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט כדי צו באַריכטן וועגן אונדזער אינטערווענץ ביי דער אוניווערסיטעט־מאַכט און צו פּראָטעסטירן קעגן דער גרויסער אומגערעכטיקייט און פאַרפאָלגונגען קעגן דער יידישער יוגנט. דער פאָרזיץ פון דער פאַרזאַמלונג און דאָס איבער־געבן וועגן די געשעענישן איז אויך מיר איבערגעגעבן געוואָרן. דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם יידישן אַקאַדעמישן הויז, און אפילו די גאַסן זענען געווען איבערפולט מיט דער אָנגעווייטיקטער יוגנט.

יעדער קאָן פאַרשטיין מיט וואָסערע געפילן אונדזער יוגנט האָט אויפגענומען דעם באַריכט. עס איז געווילט געוואָרן אַ קאָ־מיטעט, וועלכער האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן די פּראָטעסט־רעזאָ־לוציעס. די רעזאָלוציעס זענען געווען פאַרטיק און דער סעקרעטאַר האָט מיר זיי איבערגעגעבן צום פאָרלייענען פאַר די פאַרזאַמלטע.

און דאָ מוז איך דערציילן אַ פֿאַקט וועלכער כאַראַקטעריזירט די אויפֿפֿירונג פֿון דער פּוילישער מאַכט: ביי דער פֿאַרזאַמלונג איז געווען אַ יונגער פּאָליציי־קאָמיסאַר, וועלכער האָט זיך עלעגאַנט פֿאָרגעשטעלט, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ווען איך האָב געהאַט באַקומען די רעזאָלוציעס פֿאַרצולייענען זיי פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג, האָט מיך דער קאָמיסאַר געבעטן, איך זאָל אים לאָזן זיי איבער־לייענען. אויף דעם האָב איך געענטפֿערט, אַז ער וועט זיי הערן ווען מען וועט זיי פֿאַרלייענען.

„יאָ, אָבער ער וועט זיין זייער דאַנקבאַר, אויב איך וועל אים לאָזן די רעזאָלוציעס איבערלייענען פֿריער״.

עס האָט נאָך דעמאָלט געהערשט דאָס עסטרייכישע געזעץ, אַז דער פּאָליציי־קאָמיסאַר קאָן אינטערווענירן נאָר ווען עס געשעט עפּעס קעגן געזעץ, אָבער ער האָט נישט געהאַט דאָס רעכט צו פֿאַרלאַנגען אַריינצוקוקן אין פּראָטאָקאָלן אָדער אין רעזאָלוציעס איידער זיי זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן.

איך האָב אים דאָס דערמאָנט. ער, ווידער, האָט באַשטעטיקט אַז ער ווייסט דאָס גאַנץ גוט. ער פֿאַרלאַנגט דאָס נישט, נאָר ער בעט עס ווי אַ פּערזענלעכע טובה. ער גיט מיר „דאָס אַקאַדעמישע ערן־וואָרט״, אַז ער וועט, אומאָפּהענגיק דערפֿון וואָס די רעזאָ־לוציעס זאָגן, נישט אינטערווענירן פֿאַרן איבערלייענען זיי עפֿנטלעך דורכן סעקרעטאַר.

האָב איך אויפֿגענומען זיין „אַקאַדעמיש ערן־וואָרט״ ווי עס איז געווען דעמאָלט אָנגענומען און אים געלאָזט איבערלייענען די רעזאָלוציעס. ווי ער האָט זיי נאָר איבערגעלייענט, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער וועט נישט דערלאָזן זיי זאָלן פֿאַרעפֿנט־לעכט ווערן און ער וועט אויפֿלייזן די פֿאַרזאַמלונג.

אויף דעם האָב איך אים דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט דאָס צו טאָן, ווייל עס איז קעגן געזעץ און מיר וועלן אים אָנקלאָגן פֿאַר ברעכן דאָס געזעץ. אויסער דעם האָב איך אים

דערמאנט, אַז ער האָט געבראָכן דאָס אַקאַדעמישע ערן־וואָרט, און אַז דאָס אַלץ וועט פּובליקירט ווערן אין דער פּרעסע.

איך האָב איבערגעריסן דעם מיטינג אויף אַ 10 מינוט און דערווייל צעשיקט עטלעכע חברים צווישן עולם צו אינפאָרמירן וועגן דעם גאַנצן ענין, און ווען די רעזאָלוציעס וועלן פֿאָרגעלייגט ווערן, זאָלן זיי זיך פֿאַרהאַלטן רויק און בלויז שטימען פֿאַר זיי.

נאָך דער פּאַוזע האָב איך געעפֿנט דעם מיטינג און איבער־געגעבן דעם פֿאַרזאַמלטן עולם די גאַנצע מעשה מיט דעם קאָמיסאַר. איך האָב דערקלערט, אַז ער האָט געבראָכן זיין אַקאַדעמיש ערן־וואָרט און האָט נישט געוואָלט לאָזן איבערגעבן צו די פֿאַר־זאַמלטע די רעזאָלוציעס, וועלכע דער געוויילטער רעזאָלוציע־ קאָ־מיטעט האָט אויסגעאַרבעט. אָבער נאָך דעם ווי איך האָב אים אויפֿ־מערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס איז קעגן געזעץ, האָט ער נאָכגעגעבן. איך האָב געבעטן די קאָלעגן זיך צו פֿאַרהאַלטן רויק און מיט כבוד, גענוי זיך צוצוהערן צו די רעזאָלוציעס און גלייך שטימען אויף יעדן פּונקט תיכף נאָכן איבערלייענען.

דער סעקרעטאַר פֿון דער פֿאַרזאַמלונג האָט געלייענט די רעזאָלוציעס, די פֿאַרזאַמלונג האָט זיי איינשטימיק אָנגענומען און דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט דערקלערט: „די פֿאַרזאַמלונג איז אויפֿגעלייזט".

איך האָב געבעטן די קאָלעגן רויק צו פֿאַרלאָזן דעם זאַל און פֿאַרזיכערט, אַז די רעזאָלוציעס וועלן וואָס שנעלער איבער־געגעבן ווערן דער אַקאַדעמישער מאַכט און צו אַלע צייטונגען.

צומאָרגנס האָט דער קאָמיטעט איבערגעגעבן די רעזאָלוציעס צום רעקטאָראַט פֿון לעמבערגער אוניווערסיטעט. איך בין דאַן געווען אין שפּיטאָל, ווייל איך בין שוין געווען אַ דאָקטער, אָבער מיינע קאָלעגן האָבן מיך אונטערגעשריבן, כדי די רעזאָלוציעס וואָס גיכער איבערצוגעבן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען מען האָט מיר וועגן דעם פֿאַרשטענדיקט האָב איך מסכים געווען און נישט פּראָטעסטירט.

דער אַקאַדעמישער סענאַט האָט אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג און באַשלאָסן מיך אָנצוקלאָגן אין געריכט פאַר באַליידיקן דעם סענאַט אין די רעזאָלוציעס... עס איז געווען מיין גליק וואָס איך האָב שוין געהאַט מיין דאָקטאָר־דיפּלאָם, ווייל זיי וואָלטן מיך געווען זיכער אַרויסגעוואָרפן פון אוניווערסיטעט. אָבער צום געריכט האָט מען מיך אָנגעקלאָגט נאָר פאַר אַ קליינער זינד: באַליידיקן דעם סענאַט, און פאַר דעם האָט נאָר געדראָט אַ קליינע שטראָף.

דאָ האָט זיך אָבער נישט געהאַנדלט אין קיין פּערזענלעכער פּראַגע. עס איז געווען דאָס גרויסע פּראָבלעם פון דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט אין פּוילן, און ספּעציעל דעמאָלט אין לעמ־בערג. און אַזוי האָט עס טאַקע אויפגענומען די רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג. עס זענען פאָרגעקומען באַראַ־טונגען, ווער עס זאָל מיך פאַרטיידיקן אין געריכט. עס האָבן זיך געמאָלדן די בעסטע אַדוואָקאַטן און נישט פאַרלאַנגט קיין געלט דערפאַר.

נאָך אַסך באַראַטונגען און פאַרזאַמלונגען פון דעם יידישן בירגערלעכן אַקאַדעמישן קאָמיטעט מיט די אַדוואָקאַטן האָט מען באַשלאָסן, אַז צוליב פּרעסטיזש זאָלן מיך פאַרטיידיקן דער וויצע־פּרעזעס פון דער אַדוואָקאַטן־קאַמער, דר. אשכנזי און דער געווײלטער סיים־דעפּוטאַט, דר. עמיל זאָמערשטיין.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין 1923. איך געדענק נישט גענוי די דאַטע. דער געריכט־זאַל איז געווען איבערפולט מיט ציַיטונגס־רעפּאָרטערס פון כמעט אַלע פּוילישע און יידישע צײַ־טונגען פון גאַנץ פּוילן. ווען זיי האָבן נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, האָבן זיי מיך אויסגעפרעגט פאַרשיידענע פראַגן וועגן אַקאַ־דעמישע פּראָבלעמען. דערנאָך האָבן אַ סך פּוילישע צייטונגען, ספּעציעל די ענדעקישע (נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע), וואָס דאָס האָט געמיינט: אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע

גלייכצייטיק, — מיך פאַרגעשטעלט ווי דעם גרעסטן שונא פון לאַנד, שעדלעך פאַר פוילן.

איך בין זיכער, אַז לויט זייער מיינונג איז טויט־שטראָף געווען פאַר מיר די פּאַסיקסטע שטראָף.

דער פּראָצעס איז געווען באַשריבן אין אַלע יידישע און פוילישע צייטונגען מיט אַלע איינצלהייטן. נאָר די אויסטייטשונגען פון די פאַרהאַנדלונגען אויפן פּראָצעס זענען געווען אָפּהענגיק פון די פּאָליטישע אָנשויאונגען פון די צייטונגען. אַ סך פון זיי קען מען נאָך היינט געפינען אין די ביבליאָטעקן.

איך מוז צוגעבן, אז איך פערזענלעך קאָן מיך נישט באַקלאָגן אויף דעם, ווי איך בין באַהאַנדלט געוואָרן פון דעם ריכטער. ער האָט מיך אפילו קיין איין מאָל נישט אָנגערופן „אָנגעקלאָג־טער", נאָר „פּאַניע דאָקטאָזשע" (הער דאָקטאָר). דאָס איז געווען אַ ספּעציעלע פּאָליטיק. ווייל גראָד די צוויי אַדוואָקאַטן, — וועלכע האָבן געזעלשאַפטלעך און מיט זייער שטאַנד אין דער פּראָפעסיע, מיט אַ סך איבערגעשטיגן דעם ריכטער, האָט ער באַהאַנדלט ווי גאַסן־יונגען. ס'האָט מיר ווי געטאָן צו הערן און זען, ווי אַזוי צוויי גרויסע פערזענלעכקייטן ווערן באַהאַנדלט פון אַ קליינעם ריכטער.

קעגן מיר איז אויסגעפרעגט געוואָרן דער פריערדיקער רעק־טאָר, יאַן קאַספּראָוויטש, דער נייער רעקטאָר, גלח נאַראַיעווסקי, דער דעקאַן פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט, סיעמיראַדסקי, און דער געוועזענער דעקאַן, קוויעטניעווסקי.

נאָך יעדן אויספרעגן די עדות האָט דער ריכטער מיך געפרעגט, וואָס איז מיין דערקלערונג צו זייער ארויסזאָגן זיך.

קאַספּראָוויטש האָט געדרייט מיט דער צונג. און איך האָב אויפגעוויזן ווענן אַ פּאָר פאַלשע דערקלערונגען. אויף דער פראַגע וואָס איך זאָג אויף דעם עדות־זאָגן פון גלח נאַראַיעווסקי, האָב איך געענטפערט, אַז אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אמת,— ווייל אזוי איז עס טאַקע געווען. אויף דער פראַגע, וואָס איך זאָג

וועגן עדות־זאָגן פון דעקאַן סעמיראַדסקי, האָב איך באַמערקט אַז אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אַ ליגן. האָט מיך דער ריכטער געפרעגט, צו איך גיב מיר אָפּ אַ דין וחשבון דערפון וואָס איך זאָג, ווייל דער דעקאַן קאָן מיך ציען צו קרימינעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן באַהויפּטן, אַז ער האָט פאַלש עדות געזאָגט אונטער אַ שבועה אין געריכט. מיין ענטפער איז געווען: איך ווייס וואָס איך זאָג, און איך וועל זיין זייער צופרידן ער זאָל מיך אָנקלאָגן, ווייל איך האָב עדות, וועלכע דאָס געריכט האָט נישט צוגעלאָזט צו דעם פּראָצעס. ער האָט מיך קיינמאָל נישט אָנגעקלאָגט.

איינע פון דעם ריכטערס פראַגן (אויך פּריוואַט — פון צייטונגס־לייט) איז געווען, צי האָב איך אונטערגעשריבן די רעזאָלוציעס.

איינער פון מיינע פּאַרטיידיקער האָט טאַקע געוואָלט מאַכן די זאַך לייכט און פאַר דער געריכט־פאַרהאַנדלונג מיר געראָטן צו זאָגן, אַז איך האָב די רעזאָלוציעס נישט אונטערגעשריבן און מען וועט מיך באַלד באַפרייען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אזעלכעס וואָלט געווען גאָר גוט פאַר די פּאָליאַקן. זיי וואָלטן געזאָגט: „קוקט וואָס יידן מאַכן״. איך האָב מיך נישט געלאָזט איבער־רעדן און אין געריכט האָב איך געענטפערט: „אַלס אָנגעקלאָגטער דאַרף איך נישט ענטפערן אויף אַ פראַגע ווען איך וויל נישט, אָבער איך וויל באַמערקן, אַז איך נעם אויף מיר די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר די רעזאָלוציעס, ווייל זיי זענען גערעכטע און די האַנדלונג פון דער אַקאַדעמישער מאַכט קעגן יידישע סטודענטן איז געווען קעגן יעדן געזעץ, נישט באַרעכטיקט, נישט ערלעך און דאַרף פאַרדאַמט ווערן פון יעדן ערלעכן מענטשן״.

איך בין פאַראורטיילט געוואָרן פאַר באַליידיקן דעם אַקאַ־דעמישן סענאַט אין די רעזאָלוציעס, אויף 10 טעג אַרעסט אָדער 50 פּוילישע מאַרק. ס'איז געמאַכט געוואָרן אַן אַפּעלאַציע, און דער אורטייל איז אָפּגעווישט געוואָרן. אָבער די פיינע האַנדלונג פון דעם אַקאַדעמישן סענאַט איז געקומען צו דער עפנטלעכקייט.

דויער אין טרערן

דער יידישער פישהענדלער

די מעשה איז מיט אַ יידישן פישהענדלער, וואָס האָט נישט פיינט געהאַט אַ „טרונק". זיין ווייב האָט מיך צו אים גערופן, ווייל ער איז געווען פאַרקילט און עס האָט אים ווי געטאָן די פלייצע. עס פאַרשטייט זיך, אז די דיאַגנאָזע האָט ער אַליין געמאַכט.

ס'איז נאָך געווען אין די צוואנציקער יאָרן, ער האָט געהאַט אַ בראָנכיאַל־קאַטאַר, אָדער ווי עס ווערט היינט אויף אַ שיינעם אופן גערופן: „אַפּפּער רעספּיראַטאָרי אינפעקשן".

איך האָב אים פאַרשריבן אַ מיטל קעגן הוסטן, געהייסן אים ליגן אַ צוויי טעג אין בעט און, ווייל עס האָט אים ווי געטאָן דער רוקן, געהייסן איינרייבן מיט אַ געמיש פון אַלקהאָל און טער־פּענטין־אייל.

— „וואָס זאָגט איר, הער דאָקטאָר? ווי אזוי מאַכט מען דאָס?"

האָב איך אים דערקלערט: טערפּענטין־אייל קאָסט זייער ווייניק. נעמט עס און מישט עס מיט דעם זעלבן קוואַנטום אַלקאָהאָל און רייבט איין די פלייצע צוויי מאָל אין טאָג, וועט דאָס אייך מאַכן בעסער.

ניט וועלנדיק גלייבן זיינע אייגענע אויערן, האָט ער מיך עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט: וואָס, וויאַזוי, וויפל זאָל ער נעמען פון די שטאָפן.

איך האָב שווער פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל, ביז ער איז אַרויס־געקומען מיט דער פראַגע:

„הער דאָקטאָר, מיר, יהושע פּאַליקן, הייסט איר נעמען בראָנפן און מישן עס מיט עפּעס און איינרייבן די פּלייצע? ווי מעג איך דאָס מאַכן? איר ווייסט דען נישט, אַז מיין גאַנץ לעבן האָב איך נאָר געטרונקען בראָנפן און איצט, אויף דער עלטער, זאָל איך עס אַזוי פאַרשעמען? איך קאָן דאָס נישט טאָן. בראָנפן מוז איך טרינקען, אַזוי ווי איך מאַך עס יעדן טאָג. און איך האָף אַז איר וועט עס מיר נישט פאַראיבל האָבן, אויב איך וועל דעם בראָנפן נישט פאַרשעמען.

איך האָב נישט געהאַט פאַראיבל און האָב אים געוווּנטשן, עס זאָל אים ווויל באַקומען און אים ברענגען אַ רפואה שלימה...

☆

דער גרויסער גינעקאָלאָג

מיין מעדיצינער פּראַקטיק האָט זיך אָנגעהויבן ווען איך בין נאָך געווען אַ סטודענט פון מעדיצין.

מיין פרוי, דעמאָלט — מיין כלה, אַ גאָר יונגע סטודענטין, האָט געוווינט ביי אַ פרוי מילער אין לעמבערג. יום כפור, צו אויסנעמענס, בין איך, פאַרשטייט זיך, געקומען זי באַזוכן.

וואָסזשע טוט זיין ליבער נאָמען? די פרוי מילער „גייט צו קינד". זי איז געווען אַ 42—43 יאָר אַלט און האָט אַלס אָרעם מיידל חתונה געהאַט מיט אַרייכן אַלטן אלמן פון אַ 70 יאָר.

צוזאַמען מיט די מילערס האָט דאָרט געוווינט דער פרוי מילערס שוועסטער, אַ פיין מיידל אין די דרייסיקער יאָרן, וואָס האָט שוין אויך געוואַרט אויף אַ רייכן ייד.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט זיך דער פרוי מילער פאַר־גלוסט צו גיין צו קינד לכבוד יום־כפור. פאַרשטייט זיך, אַז אַ דאָקטער האָט זי פריער קיין מאָל נישט געזען, און די „באָבע" איז לכבוד דעם הייליקן טאָג געווען נישט צו געפינען. אַזוי איז געפאַלן דער גורל אויף מיר, די פרוי צו אַנטבינדן.

די אויסבילדונג מיינע אין דער ריכטונג איז נישט געווען צו גרויס: איך האָב געלערנט טעאָרעטיש, און פּראַקטיש האָב איך אַדורכגעמאַכט דעם סטאַזש פון אַ חודש אין דער קליניק, ווו איך האָב מיט מיינע קאָלעגן געהאָלפן דעם פּראָפעסאָר און די קלינישע

אַסיסטענטן מיט צוהאַלטן די קימפּעטאָרינס ביי די הענט, זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן, אָדער — מיט דערלאַנגען די אינסטרומענטן.

אָבער גאָט איז געווען גוט צו מיר און צו דער פרוי מילער. טראָץ דעם וואָס עס דאַרף זיין אַ ביסל שווער צו האָבן דאָס ערשטע קינד, ווען מען איז אַלט 42 יאָר, איז עס דאָ געגאַנגען ווי געשמירט און איך בין אַרויס שטאָלץ: דער גרויסער פּראָפעסאָר.

איצט קומט די פראַגע פון מיין באַלוינונג. עס פאַרשטייט זיך, אַז על פי דין דאַרף מען אַ דאָקטער באַצאָלן: בין איך דערפאַר ביים ברית געזעסן אויבן־אָן און האָב באַקומען דאָס גרעסטע שטיק לעקאַך...

☆

עס שטייט מיר פאַר די אויגן
דאָס אומגליקלעכע קינד

עס איז שווער צו פאַרגעסן אַ געשעעניש, וואָס איז פאַרלאָפן אין מיינע סטודענטן־יאָרן. איך בין געווען אַ מעדיצין־סטודענט אין לעמבערגער אוניווערסיטעט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אונדזער פּראָפעסאָר פון גינעקאָלאָגיע (פרויען קראַנקהייטן) און געבורטס־הילף איז געווען ד״ר סאָלאָווי, אַן אויסגעצייכנט געביל־דעטער קליניקער.

עס איז געשען, אַז אַ פּויליש מיידל פון אַ יאָר 13 איז געגאַנגען אַהיים פון אַן אָרט וואָס איז געווען אויסער דער שטאָט און איז געלעגן אויף אַ באַרג, וואָס האָט געהייסן „היצליאַ גוראַ״ (הונט־כאַפּערס־באַרג). עס זענען דאָרט געגאַנגען ווייניק מענטשן און דאָס אָרט האָט נישט געהאַט קיין שם פון אַ זיכער אָרט פאַר די פוסגייער.

דאָס מיידל איז געווען קליין אָבער שלאַנק געבויט, און קער־פּערלעך אַנטוויקלט, ווי אַ דערוואַקסענע פרוי.

אַ באַנדיט איז זי באַפאַלן און האָט זי געשענדעט. מען האָט זי געפונען באַוווסטלאָז און געבראַכט אין שפּיטאָל, פון וואַנען זי איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער פרויען־קליניק, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַנדיט האָט צעריסן איר אונטערלייב ביז צום רעקטום.

נאָך געוויינלעכע צוגרייטונגען האָט מען זי איינגעשלעפערט און אַריינגעבראַכט אין אָפּעראַציע־זאַל, ווו מיר סטודענטן זענען געזעסן און זיך צוגעקוקט צו דער פּלאַסטישער אָפּעראַציע, וועלכע פּראָפעסאָר סאָלאָווי האָט דורכגעפירט. דאָס אונטערלייב איז גוט

רעפּאַרירט געוואָרן און דאָס קינד איז צוריקגעבראַכט געוואָרן אין איר צימער.

בעת די ווונד האָט זיך געהאַלטן אין היילן, האָט זיך, נאָך אַ דריי וואָכן, זינט דעם אומגליק אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט סיפיליס. היינט וואָלט זי באַקומען אַ פּאָר איינשפּריצונגען מיט גרויסע דאָזן פּעניצילין און אַהיים געשיקט געוואָרן מיט אַן אָנזאָג צוריקצוקומען פאַר קאָנטראָלע. אָבער דעמאָלט איז דאָ סגעווען אַ קאָמפּליצירטע, חדשים־ אָדער יאָרן־לאַנגע באַהאַנדלונג, מיט איינשפּריצונגען פון קוועקזילבער, ביסמוט־פּרעפּאַראַטן און סאַלוואַזאַן. האָט מען דאָס אומגליקלעכע מיידעלע אַריבערגעפירט אין דער קליניק פאַר ווענערישע קראַנקהייטן.

בעת זי איז דאָרט געלעגן און באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ סיפיליס־קראַנקע, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי איז שוואַנגער געוואָרן פון דעם אומגליקלעכן איבערפאַל.

האָט מען זי ווייטער אַריבערגעפירט אין קליניק פאַר פרויען־קראַנקהייטן, ווו די שוואַנגערשאַפט איז אָפּעראַטיוו איבערגעריסן געוואָרן.

שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס אומגליקלעכע פּוילישע קינד און נישט איין מאָל טראַכט איך, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן איינפלוס אויף איר גאַנץ לעבן, אויף איר געדאַנקענגאַנג און אויף אירע געפילן האָט דער דאָזיקער פאַל געמוזט מאַכן.

☆

צרות לערנען אונדז

מרים ר. איז געווען אַ יונגע פרוי פון אַ 32 יאָר. נישט זי, נישט איר מאַן זענען געווען מיינע פּאַציענטן. האָב איך מיך געוווּנדערט, וואָס אין איין שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן בין איך צו איר גערופן געוואָרן דורך איר מאַן וואָס איז געווען אַן אָנגעזעע־נער סוחר און אַ זייער געבילדעטער און אינטעליגענטער מענטש.

די געשיכטע פון דער פרוי איז געווען אַ קורצע: זי האָט געהאַט צוויי קינדער. דאָס צווייטע קינד האָט זי געבוירן מיט אַ יאָר צוריק. נאָך דער געבורט האָט זי געהאַט צרות מיט אַ ברוסט — עס האָבן זיך איר געמאַכט אַבסצעסן, וועלכע האָבן זיך טיילווייז אַליין געעפנט און „געהיילט", און טיילווייז אויפגעשניטן געוואָרן דורך איר דאָקטער. די מעשה מיט דער איצטיקער קראַנקהייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ צוויי דריי וואָכן צוריק, ווען זי האָט באַקומען שווערע ווייטיקן אין דעם אונטערן רוקן און אין די היפּטן און טיילווייז אין דעם אויבער־שענקל. זי האָט געהאַט נידעריק פיבער און זיך געפילט זייער שוואַך.

זי איז באַהאַנדלט געוואָרן דורך צוויי דאָקטוירים, אַלטע לייט, מיט צוויי פאַרשיידענע דיאַגנאָזן: איינער האָט זי באַהאַנדלט אויף „אינפלוענץ" און דער צווייטער אויף רעומאַטיזם.

מען האָט דער פאַמיליע געראַטן מיך צו רופן.

קיין שאָדן האָבן די קאָלעגן נישט געטאָן מיט זייערע דיאַג־נאָזן און מיט זייערע באַהאַנדלונגען. דאָס איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען מיר האָבן נאָך געמוזט לאָזן דער נאַטור צוהעלפן היילן די מערסט קראַנקהייטן.

ווען איך האָב די פּאַציענטין אונטערזוכט, האָב איך באַלד געזען, אַז די אויגן און די הויט זענען ביי איר געלבלעך־בלאַס, דער פּולס — 140 אין אַ מינוט, ביי אַ פיבער פון 37.5, די מילץ פאַרגרעסערט, ווייך, עמפּינדלעך, די ביינער פון בעקן און אויבער־

שענקל שטאַרק ווייטאַנדיק ביים אָנרירן זיי. מיין דיאַגנאָזע איז געווען: בלוטפאַרגיפטונג מיט אייטער פון פילפאַכע טיפע אַבסצעסן (וואָס הייסט אין דער מעדיצין „פיעמיא״). עס האָט מיר זייער ווי געטאָן, ווייל אין יענער צייט איז קיין מיטל צו קורירן אַזאַ קראַנק־הייט נישט געווען, — און מיין פּנים האָט דאָס אַוודאי אַרויסגעוויזן.

די דאָזיקע דיאַגנאָזע איז אין שפּיטאָל, וווהין איך האָב די פרוי געשיקט באַשטעטיקט געוואָרן. זי האָט נאָך אָפּגעלעבט אַ זעקס וואָכן און אַ דאָקטער האָט כמעט יעדן טאָג געעפנט אירע נייע אַבסצעסן, וואָס האָבן זיך אַלע מאָל מער אַנטוויקלט.

איך בין קיינמאָל מער נישט גערופן געוואָרן די קראַנקע צו זען.

דריי חדשים נאָך איר טויט איז איר מאַן געקומען צו מיר פאַר אַן אונטערזוכונג. ער און זיין גאַנצע בענטערע און ווייטערע משפּחה זענען געוואָרן מיינע פּאַציענטן. דער מאַן האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע: הער דאָקטער, איר פרעגט מיך גאָרנישט, פאַרוואָס איך האָב אייך קיינמאָל מער נישט גערופן צו מיין גאָטזעליקער פרוי? נאָך אַלעמען, האָט איר דאָך דער ערשטער דערקאָנט איר קראַנקהייט.

איך האָב אים געענטפערט: איך פרעג קיינמאָל נישט, פאַרוואָס מען רופט מיך נישט. זי האָט דאָך געהאַט צוויי דאָקטוירים.

האָט מיר איר מאַן געזאָגט: איך און די פאַמיליע האָבן נישט איין מאָל אין דער צרה געוואָלט אייך רופן, אָבער די גאָטזעליקע האָט נישט געלאָזט. ווען איר זייט ביי איר געווען, האָט זי אין אייער פּנים דערקענט אייער אורטייל און נאָך אייער אַוועקגיין האָט זי געזאָגט: „דער דאָקטער האָט מיך אויפגעגעבן, אָבער איך האָב האָפענונג צו גאָט, אַז ער וועט מיך נישט פאַרלאָזן״.

דער פאַל האָט מיך געלערנט אויף מיין גאַנץ לעבן. איך האָב אָנגעטאָן אַ מאַסקע און זייט דאַן האָט קיין שום קראַנקער אין אויסדרוק פון מיין פּנים נישט דערקענט, וואָס איך טראַכט אָדער פיל וועגן זיין צושטאנד.

צוויי צוקער־קראַנקע

ביז צום היינטיקן טאָג דערמאָן איך זיך מיט האַרצווייטיק אין צוויי פאַלן, וואָס היינט וואָלט מען זיי זיכער געקאָנט העלפן בלייבן לעבן. אין יאָר 1923 זענען זיי געגאַנגען פון דער וועלט, ווייל עס זענען נישט געווען גענוג מעדיקאַמענטן זיין צו העלפן.

עס איז געקומען אַ יונגערמאַן פון אַמעריקע באַזוכן זיינע קרובים. געליטן האָט ער פון צוקער־קראַנקהייט (דיאַבעטיס).

ווען מען האָט מיך צו אים גערופן, איז ער געווען נאָר האַלב באַוווסטזיניק. אַריינקומענדיק אין שטוב האָט מען גלייך דערפילט דעם גערוך פון אַצעטאָן. עס איז געווען קלאָר, אַז ער איז אין אַ צושטאַנד, וואָס ווערט גערופן דיאַבעטישע אצידאָזע. אין יענער צייט איז געווען נאָך זייער ווייניק אינסולין, — דאָס איינציקע מיטל, וואָס העלפט אין אַזאַ פאַל צו ראַטעווען דאָס לעבן. אָבער מען מוז באַנוצן גרויסע דאָזן.

דאָס מיטל איז אויסגעפונען געוואָרן אין יאָר 1921, און עס פאַרשטייט זיך אַז מיט קאַרגע צוויי יאָר שפּעטער איז נאָך נישט גענוג פּראָדוצירט געוואָרן.

אויסער דעם האָבן מיר נאָך דעמאָלט נישט געהאַט די דער־פאַרונג ביים באַהאַנדלען דעם שווערן צושטאנד פון אַצידאָזע, ווי היינט. עס זענען אַוועק בלויז געציילטע טעג, און דער יונגערמאַן איז אַריין אין אַ טיפן שלאָף (קאמא) און אַוועק פון דער וועלט.

✶

ווי עס געשעט געוויינלעך אין מעדיצין, איז באַלד געקומען דער צווייטער פאַל: אין אַ וועלכע געציילטע וואָכן שפּעטער האָט

מען מיך גערופן צו אַ ניין־יאָריק מיידעלע, וואָס האָט געהאַט מאָזלען. מען האָט נישט געוווסט וועגן איר צוקער־קראַנקהייט. לײדער, ספּעציעל ביי קינדער, קאָן זיך דאָס באַווייזן פּלוצים, באַזונדערס ווען זיי פאַלן אַריין אין אַן אַנדער קראַנקהייט, ספּעציעל אינפעקציעס.

דאָס מיידעלע איז געווען פאַרטומלט, נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. די לופט אין דער דירה איז געווען אָנגעפילט מיט אַצעטאָן, וועלכן זי האָט אַרויסגעאָטעמט. איך געדענק ווי היינט: איך האָב געהאַט 100 איינהייטן פון אינסולין. איך האָב איינגעשפּריצט 50 איינהייטן, און אין 4 שעה אַרום נאָך 50, אָבער דאָס איז לײדער געווען אַלץ וואָס איך האָב געקענט מאַכן. זי איז אַריין אין אַ טיפן שלאָף (קאָמא) און שלאָפנדיק אַוועק פון דער וועלט.

אַ סך מאָל נאָך היינט, ספּעציעל ביי נאַכט, קומען מיר די צוויי אומגליקלעכע פאַלן פאַר די אויגן און פילן אָן מיין האַרץ מיט ווייטיק.

☆

דוֹרִ ער אין טרערן

נאָך הײַנט פֿרײט עס מיך

דאָס איז פֿאָרגעקומען אין די ערשטע יאָרן פֿון מײַן מעדיצי־נישער פּראַקטיק. מען האָט מיך גערופֿן, אַרום 11 אַזייגער אין אָוונט, צו אַ 14 יאָריק מיידל, וואָס האָט שרעקלעכע ווייטיקן און בלוטיקט — לויט דעם באַריכט פֿון דער פֿאַמיליע.

ווען איך האָב דאָס מיידעלע אונטערזוכט, איז מיר תּיכּף קלאָר געוואָרן וואָס עס איז געשען. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער פֿאָטער איז נישט געווען בײַ דער אונטערזוכונג, אָבער זי האָט געהאַט אַ שטיפֿמוטער, און די שטיפֿמוטער איז געווען אין צימער.

איך האָב די פֿרוי אַרויסגעשיקט און געזאָגט צום מיידל, אַז איך וועל אַלץ טאָן איר צו העלפֿן, נאָר אונטער צוויי באַדינגונגען: ערשטנס, זי זאָל זיך אויפֿהערן צו האַלטן ווי אַ קליין קינד און ניש געוואַלדעווען אַזוי אָן אויפֿהער און, צווייטנס, זי מוז מיר זאָגן דעם גאַנצן אמת.

עס איז געווען קלאָר, אַז זי האָט געצאַפּלט און איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס האָט דערצו געבראַכט.

דאָס מיידעלע האָט מיר דערציילט, אַז דער 19־יאָריקער בחור, וואָס איז מיט איר אַרויסגעגאַנגען, האָט זי „פֿאַרפֿירט" און ווען זי האָט אויפֿגעהערט צו האָבן די „רעגל" האָט ער זי גענומען צו אַ גויע, וואָס האָט איר עפּעס אַרײַנגעפּירט אין די פּרויען־אָרגאַנען. דאָס האָט איר זייער ווי געטאָן, אָבער זי האָט עס דורכגעהאַלטן און איז אַהיים געגאַנגען. הײַנט, אַ פּאָר טעג שפּע־טער, האָט זי באַקומען שטאַרקע ווייטיקן און אָנגעהויבן בלוטיקן. זי האָט געטראַכט אַז זי מענסטרוירט.

איך בין אַהיים געגאַנגען ברענגען די אינסטרומענטן און צוריק־קומענדיק האָב איך געבעטן די שטיפֿמוטער זי זאָל אַרײַנברענגען

צוויי שיסלען מיט וואַרעם וואַסער, כדי איך זאָל קענען דאָס מיידעלע גענויער אונטערזוכן.

דאָס מיידעלע האָט צוגעזאָגט נישט צו שרייען אָדער וויינען, ווי עס זאָל נישט וויי טאָן, און זי האָט געהאַלטן וואָרט...

איך האָב געמאַכט די גאַנצע אָפּעראַציע, געגעבן אַן איינשפּריי־צונג און געהייסן איר ליגן אין בעט אַ פּאָר טעג.

ווען דער פאָטער האָט מיך געפרעגט, וואָס מיר קומט, האָב איך פאַרלאַנגט ווי פאַר אַ נ אָ ר מ א ל ן וויזיט.

אין בין געווען צופרידן, וואָס קיינער אין דער פאַמיליע האָט גאָרנישט געוווסט און גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען.

איך האָב אין דער גאַנצער געשיכטע פאַרשטייט זיך פאַרגעסן. אָבער מען האָט מיר דערמאָנט: אין יאָר 1952 בין איך דאָס ערשטע מאָל געפאָרן קיין ישראל. איך האָב נישט געוווסט, אַז דאָס מיידעלע און איר בחור, וואָס האָט דערנאָך מיט איר חתונה געהאַט, האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערס גיהנום און געקומען קיין ישראל.

נאָר זי, אַז זי האָט זיך דערוווסט פון מיין קומען איז זי געקומען מיך באַגריסן און געקושט מיינע הענט און געזאָגט, אַז זי האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס איך האָב פאַר איר געטאָן — און זי האָט זיך ערשט שפּעטער, ווען זי איז עלטער געוואָרן און „געקומען צום שכל", אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון אין וואָס פאַר אַ צרה זי איז דאַן געווען...

✡

אַ זעלטענע טראַגעדיע ביי יידן

ווענערישע קראַנקהייטן זענען געווען אַ זעלטנקייט ביי יידן. קאָן איך נישט פאַרגעסן אַ טראַגישן פאַל אַזאַ אין אַ יידישער פאַמיליע.

עס איז געקומען צו מיר אַ יידישער „פיאַקערניק" (דראָזש־קאַרזש) מיט זיין פרוי. זי האָט געטראָגן מיט זיך אַ פעקל מיט גאַזע, וואַטע און באַנדאַזשן, וועלכע אַן אַלטער דאָקטער האָט געהייסן ברענגען צו זיך פאַר אַן אָפעראַציע פון אַן „אַבסצעס".

די פרוי האָט געהאַט אויף דער רעכטער זייט פון שטערן אַ גרויסע גוליע. ווען מען האָט די גוליע אונטערזוכט, האָט מען געפונען אַז זי איז נישט הייס און אַנטצינדעט ווי אַן אַבסצעס, אָבער עס האָט זיך געפילט פליסיקייט אין איר און איך האָב געקאָנט אַרויספילן נישט רעגולערע און נישט גלייכע ביינער אַרום דער גוליע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען וואָס מיר רופן אַ „קאַלטער אַבסצעס" ביי וועלכן מען דאַרף אונטערזוכן, און אויס־געפינען די סיבה דערפון. עס קאָן זיין טובערקולאָז, סיפיליס אָדער אפילו, אַ קרעבס־אַרטיקער אויסוווקס, וועלכער האָט צעשטערט די ביינער און פאַראורזאַכט דעם קאַלטן אייטער אַרום.

איך האָב געראָטן: ערשטנס נישט אָפערירן, ווייל מיר ווייסן אין אַזאַ פאַל, ווו מ׳הייבט אָן צו שניידן, אָבער מען ווייס קיינמאָל נישט, ווו מען וועט ענדיקן און מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן פאַר דעם פאַציענט.

ווי ס׳איז געוויינלעך ביי יידן, מוז מען זיך נאָך באַראַטן מיט אַ ספעציאַליסט. וואָס ווייסט אַ יונגער דאָקטער?

האָב איך געראַטן צו באַראַטן זיך מיט אַ פּראָפעסאָר פון כירורגיע (דר. שראַב). ער האָט באַשטעטיקט וואָס איך האָב

געזאָגט און געהייסן מאַכן די אונטערזוכונגען וועלכע איך האָב געפאָדערט: אַ רענטגען־בילד און אַ בלוט־פּראָבע פאַר סיפיליס.

איך האָב נאָך דאָ פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז די קראַנקהייטס־געשיכטע און דאָס אויסזען פון דער פרוי האָבן ביי מיר שטאַרק ארויסגערופן דעם פאַרדאַכט וועגן סיפיליס; זי האָט געהאַט אַ ספּעציפישע בלאַסקייט און האָט אויף מיינע פראַגן דערציילט, אַז זי האָט פאַר דער מלחמה געהאַט איין קינד, אַ יינגעלע. זייט דאַן האָט זי 18 מאָל געמפּלט.

די אונטערזוכונג האָט באַוויזן, אַז די 50 יאָריקע פרוי האָט אַ סיפיליטישע קראַנקהייט אין דריטן סטאַדיום, דאָס וואָס מען רופט „גוממא״, און דאָס האָט איר צעשטערט די ביינער פון שאַרבן און כאַראַקטעריזירט דעם „קאַלטן אַבסצעס״.

האָב איך זי באַהאַנדלט לויט דער דעמלסדיקער מעטאָדע — מיט ביסמוט און סאַלוואַרזאַן־איינשפּריצונגען, און דערנאָך מיט יאָד. דער אַבסצעס איז אינגאַנצן פאַרשוונדן און די פרוי האָט אויפגעבליט און געפילט זיך ווי אַ בייער מענטש.

דער מאַן אירער האָט דערווייל שוין צוגעגעבן, אַז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען ער האָט געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי, האָט ער באַקומען סיפיליס פון אַ שיקסע און איז אַ קורצע צייט באַהאַנדלט געוואָרן פון אַ דאָקטער. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז קיינמאָל נישט אויסגעהיילט געוואָרן און האָט געבראַכט אַ „מתנה״ זיין אומשולדיקער פרוי.

איצט קומט די טראַגישע זייט פון דער מעשה. דער מאַן האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ געזונטן מענטש און קיינמאָל נישט געוואָלט זיך צוהערן צו מיין עצה, צו נעמען אַ קוראַציע.

מיט אַ 2—3 יאָר שפּעטער האָט זיין פרוי, די געוועזענע פּאַציענטין מיינע, אין אַ שבת פאַר מיטאָג מיך גערופן צו איר מאַן. ווען איך בין צוגעקומען צו זייער הויז האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכעס איז געשען: שבת, אין דעם הייליקן

טאָג, זענען אין דעם שיינעם זומערטאָג די פענצטער געווען פאַר־מאַכט, די ראָלעטן אַראָפּגעלאָזט און די טיר פאַרשלאָסן.

ווען מען האָט מיר געעפנט די טיר, האָב איך דערזען דעם מאַן אויפן בעט, מיט ווונדן אויפן קאָפּ און ניט ביים קלאָרן באַוווסטזיין.

די מעשה איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע: ער האָט ביינאַכט געפּרוווט זיך נעמען דאָס לעבן אָבער אויף אַ משוגענעם אופן; ער האָט זיך געקלאַפּט אין קאָפּ מיט אַ לײַכטער און זיך געמאַכט ווונדן אין קאָפּ. די ווונדן זענען נישט געווען טיף, אָבער די גענויע אונטערזוכונג האָט באַלד באַוויזן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ שווערער, נישט קורירבאַרער סיפיליטישער קראַנקהייט — פּראָגרעסיווער פּאַראַליזש.

איך האָב באַלד אינפאָרמירט די פאַמיליע וועגן דעם ביטערן צושטאַנד און באַשטאַנען דערויף מעז זאָל אים שיקן אין א ספּע־ציעלן שפּיטאָל. איך האָב אויך דערקלערט דער פאַמיליע, אַז מען קאָן, לײדער, גאָר ווייניק מאַכן צו פאַרריכטן דעם שאָדן, וועלכן די גײַסט־באַהאַנדלטע קראַנקהייט האָט געבראַכט. דער מאַן האָט נאָך געלעבט אין שפּיטאָל אַ גאַנץ יאָר און געשטאָרבן אינגאַנצן באַוווסטלאָז.

☆

ד״ר יצחק לעווענטער

טייל מענטשן זענען דאַנקבאַר

אברהם ק. איז געווען אַ גרויסער סוחר און אַ רייכער מאַן. דערביי איז ער געווען אַ יידישער, רעליגיעזער מענטש, וואָס האָט זיכער נישט פאַרפעלט קיין איין שחרית אָדער מנחה־מעריב צו דאַווענען. ער איז געווען אַ ייד פון אַ יאָר 52־53.. ער האָט אוודאי געליטן פון טובערקולאָז אין זיינע יינגערע יאָרן, פון וואָס נישט ער, נישט איך האָבן געוווסט.

איצט איז ער געווען אַ פּאָר חדשים קראַנק אויף טובערקולאָז. איך האָב אים באַהאַנדלט מיט די מיטלען, וועלכע מיר האָבן אין די צוואַנציקער יאָרן געהאַט: אַ סך רו, גוט עסן און מעדיקאַמענטן, וועלכע, ווי מיר ווייסן היינט, האָבן קיין סך נישט געקאָנט העלפן. אָבער געליטן האָט ער נישט צו פיל. שוואַך איז ער געווען. מיט אַ צוויי וואָכן פאַר דעם איז ער אונטערזוכט געוואָרן פון אַ באַ־קאַנטן ספּעציאַליסט, ד״ר פיסעק פון לעמבערג, וועלכער האָט נישט קיין סך געענדערט אין דער באַהאַנדלונג.

אין דער וואָך ווען דאָס ווייטערדיקע איז געשען, האָט ער זיך געפילט אַ ביסל בעסער און עס האָט אויסגעזען, אַז ער וועט נאָך אפשר אַדורכהאַלטן אַ פּאָר וואָכן אָדער אַפילו חדשים.

אין אַ דאָנערשטיק אין דער פרי, אַרום 6 אַ זייגער, זומער אויף דער גאַס, איז זיין זון געקומען מיך רופן: „הער דאָקטאָר, דער טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל אייך טויזנט מאָל איבערבעטן פאַר באַמיען אייך אזוי פרי, נאָר איר זאָלט אים נישט אָפּזאָגן, ווייל ער דאַרף אייך עפּעס זאָגן, וואָס ער קאָן קיינעם נישט פאַרטרויען״.

איך האָב נישט אָפּגעזאָגט און בין מיט דעם זון באַלד געגאַנגען.

דעם קראַנקן האָב איך געטראָפן אין אַ קיטל, און אין טלית און תפילין. איך האָב דאָרט אויך געטראָפן דעם שמש פון דעם בית־מדרש ווו דער פּאַציענט האָט תמיד געדאַוונט. דער שמש איז געווען זייער אַ פרומער ייד און מען האָט פון אים געהאַלטן ווי פון אַ גוטן ייד.

דער פּאַציענט האָט געדאַוונט, דערנאָך האָט דער שמש מיט אים געזאָגט וידוי, נאָכדעם איז ער געבליבן אין קיטל און אַלעמען ארויסגעשיקט, נאָר מיך האָט ער פאַרהאַלטן.

איצט איז געקומען דער מאָמענט, וואָס שטייט נאָך היינט פאַר מיינע אויגן: „הער דאָקטאָר, איך וויל אייך דאַנקען פאַר אַלץ וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן, אָבער זיין ליבער נאָמען וויל מיך איצט שוין האָבן ביי זיך. היינט וועל איך שטאַרבן. איך וועל שוין היינט גאָרנישט נעמען אין מויל אַריין, איך וויל אַוועקגיין ריין".

ער האָט בישט געלאָזט קיין טרער פון די אויגן, געווען גרייט צו זיין אייביקן וועג. איך האָב געפּרוווט אים איבערצייגן, אז זיין צושטאַנד איז נישט פון אַ מענטש, וואָס גייט שטאַרבן, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם.

כ׳בין אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שווער האַרץ. אין אַ 2 שעה אַרום איז דער ייד געשטאָרבן, כאָטש אַיך האָב דאָס נישט דערוואַרט.

אַזוי איז אַוועק אַ טייערער ייד, וואָס פאַר אים איז אמונה געווען דער גרעסטער אוצר פון זיין לעבן.

✶

זיינוול ב. איז געווען אַ ייד פון אַ יאָר 80, פרום און אָרעם. זיין פרנסה איז באַשטאַנען פון דעם, וואָס ער פלעגט גאַנץ פרי, אָדער בעסער געזאָגט פאַרטאָג אַרויסגיין אין דאָרף אַריין און דאָרט איינקויפן ביי די גויים אייער, הינער, קאַטשקעלעך און אַנדערע זאַכן, ברענגען זיי אַהיים אויף אַ פערד און וועגעלע און דערנאָך זיי פאַרקויפן זיינע קליענטן.

ער איז געווען אַ ווױלער, פײַנער, ערלעכער און פרומער ייד. זײַן זון, וועלכער איז היינט אַ ניינציקער, האָט אַ סך אייניקלעך און אוראייניקלעך, לעבט אין ישראל, אין אַ קיבוץ.

אין אַ פּרײַטיק צו־נאַכטס איז זײַן זון געקומען פּאַרסאָפּעט און מיך געבעטן איך זאָל גלייך קומען, ווײַל זײַן טאַטע פילט, אַז ער שטאַרבט. אין דער אמתן האָט דער טאַטע זײַנער מיט 2 וואָכן פריער געהאַט אַ לײַכטע לונגען־אָנצינדונג, פון וועלכער ער איז זייער גוט אַרויסגעקומען, ספּעציעל ווען מען נעמט אין באַטראַכט זײַנע 80 יאָר.

איך בין מיט דעם זון געגאַנגען און קומענדיק אַרײַן אין הויז דערזען אַ בילד, וואָס קאָן נישט אַוועק פון מײַן זכרון: דער אַלטער ייד איז געווען אָנגעטאָן אין קיטל און טלית און געזעסן אויפן בעט אין אַ זײַט פון שטוב. נעבן אים איז געשטאַנען טרויעריק, זײַן ווײַב, די טאָכטער, איר מאַן, די שנור און די אייניקלעך.

דער אַלטיטשקער האָט שוין געהאַט אָפּגעדאַווענט מנחה און דעם שבתדיקן מעריב און אָפּגעזאָגט וידוי, ווײַל ער איז געווען זיכער אַז ער האַלט ביים שטאַרבן.

ער האָט געשיקט מיך רופן נישט כדי איך זאָל אים העלפן, נאָר כדי זיך צו געזעגענען מיט מיר און מיר דאַנקען פאַר דעם, וואָס איך האָב אַ סך מאָל געטאָן — פאַר אים און פאַר זײַנע קינדער.

ווען איך האָב אים אונטערזוכט און פאַרזיכערט, אַז ער איז ווײַט פון שטאַרבן, האָט ער ווייניק געגלייבט, ווײַל ער האָט זיך אויפגעוועקט מיט דער איבערצײַגונג אַז עס איז געקומען זײַן לעצטע שעה און ער איז געווען גרייט צו גיין אויף יענער וועלט.

וואָס איז געווען דער סוף? זײַן ווײַב, וואָס איז געשטאַנען פאַרווײנט, אין טיפן טרויער, איז געשטאָרבן אין אַ יאָר אַרום. און ער האָט נאָך געלעבט — גאַנצע אַכט יאָר, געהאַנדלט מיט זײַנע גויים און געשטאָרבן אין עלטער פון 88 יאָר.

דאָס בלוט־אָרעמע מיידל

אין אַן ערב שבת האָט מיך אָפּגערופן אַ פרוי און געבעטן איך זאָל שבת אויפנעמען איר ייִנגערע שוועסטער. זי וויל מיט איר קומען און לײדער קאָן זי דאָס נישט טאָן אין אַ פּראָסטן וואָכן־טאָג. איך האָב באַוויליקט און זי איז געקומען מיט איר שוועסטער, אַ יונג, שיין מיידל פון אַ יאָר 19.

אויף וואָס באַקלאָגט איך זיך? — האָב איך זי געפרעגט.

— איך בעט אייך, הער דאָקטער, פאַרשרייבט מיר אַ מעדיצין קעגן בלוט מאַנגל — איז געווען איר ענטפער.

איך קוק זי אָן: אַ מויד, אַ געזונטע; דער קאָליר פון דער הויט, פון די ליפּן, פון די אויגן — נאָרמאַל.

פרעג איך זי, פונוואַנען ווייסט זי אַז זי איז בלוט־אָרעם.

דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט: ער האָט מיר פאַרשריבן אַ מעדיצין, נאָר זי העלפט מיר נישט.

פרעגנדיק ווער איז געווען דער דאָקטער, בין איך געוויר געוואָרן, אַז דאָס איז געווען אַ פרויען־דאָקטאָר. פאַרוואָס זענט איר געגאַנגען צו אַ פרויען־דאָקטער? אויף וואָס באַקלאָגט איך זיך? — זי האָט נישט מענסטרוירט אַ 3־4 חדשים.

איך האָב איר געהייסן זיך אויסטאָן צום אונטערזוכן; האָט זי מיר געזאָגט אַז איך דאַרף זי נישט אונטערזוכן, ווייל דער דאָקטער האָט איר געזאָגט, אַז זי איז אַ בתולה. אויב זי מענסטרוירט נישט, איז עס נאָר ווייל זי איז בלוט־אָרעם. אויף דעם האָב איך איר געזאָגט, אַז איך פאַרשרייב נישט קיין מעדיקאַמענטן פאַר אַ פּאַציענט אָן אים אונטערזוכן און אויסגעפינען, וואָס אים פעלט. איך דאַרף תמיד מאַכן אַ גענויע אונטערזוכונג פון דעם גאַנצן קערפּער, כדי צו האָבן אַ בילד פון פּאַציענטס געזונט־צושטאַנד.

איך האָב זי נישט געדאַרפט אונטערזוכן גינעקאָלאָגיש כדי צו וויסן אַז זי שוואַנגערט. די ברוסטן אירע האָבן דאָס געוויזן.

„ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, הער דאָקטאָר? יענער דאָקטער האָט דאָך געזאָגט אַז איך בין אַ בתולה!״

זי האָט איצט געבעטן, איך זאָל זי אונטערזוכן גינעקאָלאָגיש. עס איז געווען גענוג צו אונטערזוכן דעם בויך. די געבערמוטער איז געווען גרויס פון אַ 4 חדשימדיקער שוואַנגערשאַפט. אָבער אין דער אמתן איז זי געווען אַ בתולה. וועט איר דאָך אַוודאַי פרעגן, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? דער ענטפער איז: עס איז מעגלעך.

אויף דער פראַגע, וואָס צו טאָן — האָב איך איר געראַטן צו פאָרן אין אַן אַנדערער שטאָט און חתונה האָבן מיט דעם חברה־מאַן. און אזוי איז געשען. דריי טעג שפּעטער האָבן זיי חתונה געהאַט און אַ שיין מיידעלע איז געבוירן געוואָרן אין אַ קאָרגע 5 חדשים אַרום.

☆

דויער אין טרערן

דעם פּאַסעסאָרס אומגליקלעכע פרוי

נאָך אזויפיל יאָרן און נאָך דעם אַלעמען, וואָס איך האָב דורכ־געמאַכט אין מיין לעבן, קומען מיר אַלץ פאַר די אויגן און רייסן דאָס האַרץ די אומגליקלעכע פאַלן, וועלכע איך האָב געזען אין מיינע יונגע יאָרן.

איך זע פאַר זיך די שיינע, יונגע, 32־יאָריקע פרוי, אַ מאַמע פון צוויי שיינע געראָטענע קינדער, די ווייב פון אַ יידישן פּאָסעסאָר אין אַ דאָרף, וואָס האָט אויף מיר געוואַרט אַ פּאָר שעה אין וואַרט־צימער. זי האָט גערעדט מיט מיין פרוי און זיך געוויצלט און אַריינגעקומען אין מיין קאַבינעט מיט אַ שמייכל אויף איר שיין פּנים.

נאָך דעם באַגריסן זי, האָב איך איר געפרעגט: „אויף וואָס באַקלאָגט איר זיך?"

דער ענטפער איז געווען: „עס טוט מיר גאָרנישט וויי, נאָר איר האָב עפּעס אַ גולקעלע אין אַ ברוסט און מיין מאַן האָט מיך נישט געלאָזט לעבן, נאָר איך זאָל גיין מיט אייך זיך באַראַטן".

ווי נאָר זי האָט דאָס געזאָגט, האָב איך שוין געפילט אַ קראַמף אין האַרץ. איך בין פאַרגליווערט געוואָרן. איך וואָלט געוועט רויקער ווען זי וואָלט זיך באַקלאָגן אויף ווייטיקן...

עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין יעדן אבר ביים אונטערזוכן זי. ס'איז געווען אַ ווייט פאַרגאַנגענער קרעבס (קענסער) מיט איבער־וורפן אין די שכנותדיקע דריזן.

איך האָב באַשטאַנען דערויף, זי זאָל וואָס שנעלער פאָרן קיין לעמבערג, צום פּראָפעסאָר פון כירורגיע ד"ר שראַם.

זי איז אָפּערירט געוואָרן, די ברוסט איז אמפּוטירט געוואָרן, די דריזן אויסגעשניטן, אָבער דער פּאָראויסזאָג איז געווען גאָר שלעכט.

ווי איך האָב פריער באַמערקט, האָט זי געוווינט אין אַ דאָרף.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט זי זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויף שמערצן אין דער זייט און אין רוקן.

אין אַ שכנותדיקן דאָרף האָט אָרדינירט אַן אַלטגעזעסענער, אוקראַינישער דאָקטער, וואָס האָט געשטעלט די דיאַגנאָזע: ריפּן־פּעל אַנצינדונג (פּלעווריטיס). ער האָט געהייסן שטעלן באַנקעס, דערנאָך פּיאַווקעס, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געהאָלפן!

ווען די ווייטיקן האָבן נישט געוואָלט אַוועק, האָט מען מיך גערופן צו איר.

איך האָב גאָרנישט געקענט געפינען אין ריפּנפּעל און האָב מיך פאַרשטענדיקט מיט דעם קאָלעגע און אים געזאָגט מיין מיינונג, אַז ליידער האַלט איך עס פאַר אַן איבערוואורף (מעטאַס־טאַזע) פון דער צרה, מיט אַ דריקן אויף אַ נערוו צווישן די ריפּן און איך האָב געראָטן זי צו שיקן צו אַ ספּעציאַליסט פון נערוון־כירורגיע, כדי צו בלאָקירן דעם נערוו און דערנאָך זי באַהאַנדלען מיט רענטגען־שטראַלן.

דאָס איז געמאַכט געוואָרן און זי האָט זיך געפילט בעסער, אָבער נאָר מאָמענטאַן. דער פאַל איז געווען איינער פון די אומ־גליקלעכסטע, וואָס איך האָב געזען. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט די אומגליקלעכע פרוי געהאַט אַן איבערוואורף צו די געהירן און אויסער די שרעקלעכע ליידן, איז זי בלינד געוואָרן און געשטאָרבן אין שפּיטאָל, אין איר דריי און דרייסיקסטן לעבנסיאָר.

☆

די איבערלעבונג פון אַ יונגן געריכט־דאָקטער

לויט דעם אַלטן עסטרייכישן געזעץ, וועלכן פוילן האָט איבער־גענומען, האָט דאָס געריכט אויפגענומען אַלס פּאַך־קענער נאָר דאָקטוירים, וועלכע זענען רעקאָמענדירט געוואָרן פון דער „ערצטע־קאַמער" און באַשטעטיקט געוואָרן פון דעם העכסטן געריכט.

איך האָב געהאַט דעם כבוד שוין אין מיינע גאַנץ יונגע יאָרן אויפגענומען צו ווערן פון דעם געריכט אַלס איינער פון די פּאַכקענער.

איינמאָל באַקום איך אַ רוף פון געריכט צו פאָרן אויף אַ „קאָמיסיע" אין אַ דאָרף אַריין, וווּ עס איז דערמאָרדעט געוואָרן אַ יונגער אוקראַינער, וועלכער איז מיט אַ פּאָר חדשים פריער צוריקגעקומען פון אַמעריקע. געפאָרן איז דער אונטערזוכונג־ריכטער, דער געריכט־סעקרעטאַר און איך; אויסער דעם איז געווען אַ וואַך פון זשאַנדאַרן, וואָס אין אַמעריקע ווערן זיי גערופן „פעדעראַל־פּאָליציי".

ווען מיר זענען געקומען אין דעם דאָרף אַריין, איז כמעט די גאַנצע דאָרפס־באַפעלקערונג געשטאַנען ביי דעם הויז און די דאָרפס־פּאָליציי צוזאַמען מיט די זשאַנדאַרן האָבן נישט געהאַט קיין לייכטע אַרבעט ביים האַלטן אָרדענונג.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין שטוב, איז דער טויטער יונגערמאַן געלעגן ביי דער וואַנט אַקעגן דער אַריינגאַנג־טיר אויף אַ באַנקבעטל.

שוין אַריינקומענדיק האָב איך באַמערקט אויפן דיל פאַר־בלוטיקטע שטיקער ביינער, און אויף זיי האָב איך געזען שטיקלעך געהירן. דער טויטער האָט געהאַט אַ גרויסע, נישט רעגולערע ווונד אויף דעם לינקן שלייף, די ווונד איז געווען טיף,

די ראַנדן פון ווונד זענען געווען אַרומגערינגלט מיט צעשמע־טערטן קנאָכן. אין דער ווונד האָט מען געזען צעריסענע שטיקער געהירן און פאַרקילט בלוט.

איידער איך האָב דעם טויטן געפּאַלמעסט (דאָס האָב איך געמוזט לויטן געזעץ), האָב איך נאָך אַרומגעקוקט דעם קאָפּ גענוי און באַמערקט אַ קליינע קיילעכדיקע ווונד אין רוקן פון דעם קאָפּ. די ראַנדן פון דער ווונד זענען געווען שוואַרצלעך.

איך האָב צוגערופן דעם ריכטער און אים דאָס געוויזן, דערביי אים געזאָגט אַז דאָס איז אייגנטלעך די ווונד, דורך וועלכער די קויל איז אריין אין קאָפּ פון א שאָס; און אַז דער שאָס האָט געמוזט זיין פון זייער נאָענט, און די אַנדערע ווונד אויף דעם לינקן שלייף איז די, דורך וועלכער די קויל איז אַרויס.

וואָס האָט אייגנטלעך געטראָפן?

דער דערמאָרדעטער יונגערמאַן איז מיט אַ פּאָר חדשים פריער אַהיימגעקומען פון אַמעריקע. זיין פרוי האָט ווייזט אויס געהאַט אַ ליבהאָבער, וועלכער איז געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן. לויט איר דערציילן, איז איר מאַן דערשאָסן געוואָרן דורך אַ באַנדיט, וועלכער איז אַריינגעקומען דורך דער טיר און אים געשאָסן אין לינקן שלייף. דער באַנדיט איז געווען אַ רויבער וואָס האָט געוואָלט באַרויבן דעם רייכן אַמעריקאַנער. די אונטערזוכונג האָט אַרויסגעוויזן, אַז איר ליבהאָבער איז אַריין ביי נאַכט דורך דעם זייטיקן פענצטער און האָט איר מאַן, וועלכער איז גוט געשלאָפן, דערשאָסן פון דער נאָענט, דירעקט אין רוקן פון קאָפּ.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די אלמנה און דער מערדער זענען אַרעסטירט געוואָרן און עס איז געקומען צו אַ פּראָצעס פאַר 12 געשווירענע און אַ טריבונאַל פון דריי ריכטער. דער פאַרטיידיקער פון דער אלמנה און פון דעם אָנגעקלאָגטן האָט מיך גענומען שטאַרק אויפן פאַרהער. אָבער עס האָט זיי נישט געהאָלפן. איך האָב דאָך געלערנט געריכטלעכע מעדיצין, ווי איינעם פון די

קעגנשטאַנדן פון אונדזער מעדיצינישער עדוקאַציע און איך האָב עס נישט שלעכט געקאָנט.

קלאָר, אַז פאַר מיר, ווי אַ יונגן דאָקטער, איז עס געווען אַ גרויסע איבערלעבונג, אָבער איך האָב דאָך געמוזט זאָגן דעם אמת און מיין מיינונג אויפן גרונט פון די פאַקטן, וועלכע איך האָב געפונען.

די אלמנה און איר ליבהאָבער זענען פארמשפט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן תפיסה, אָבער זיי האָבן עס כשר פאַרדינט.

☆

פּאַט — אונדזער געטרייער הונט

ווען עס קומען צוריק אַ סך פון מיינע דעראינערונגען וועגן די געשעענישן אין מיינע יונגע דאָקטער־יאָרן, שטייט מיר פאַר די אויגן אונדזער געטרייער פריינד, דער הונט פּאַט, דאָס איז געווען אַ שפּאַנישער עסטער, וועלכן מיינע אַ פּאַציענטין האָט מיר געבראַכט אַ מתנה פון ענגלאַנד, ווען ער איז אַלט געווען אינגאַנצן אַ פּאָר וואָכן.

מיר האָבן אים אויפגעכאָוועט. ווען ער איז אַמאָל קראַנק געווען, האָבן מיר אים געפּלעגט ווי מ'פּלעגט אַן אייגן קינד; און ער האָט דאָס ערלעך פאַרדינט: ער איז געווען שיין, קלוג און צוגעבונדן צו אונדז מיט זיין גאַנצן לעבן.

איך דערמאָן מיך אין צוויי עפּיזאָדן, וועלכע עס דאַכט זיך מיר, זענען ווערט צו באַשרייבן.

ווען איך האָב געדאַרפט פאָרן צו אַ קראַנקן אין אַ דאָרף, האָט מיין פרוי פאַרשלאָסן אַלע טירן און פאַרמאַכט אַלע פענצטער, ביז זי איז געווען זיכער, אַז מיין אויטאָ האָט מיך שוין ווייט אַוועקגעפירט און פּאַט וועט מיך נישט דעריאָגן.

איינמאָל איז געשען, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן, די פענצטער זענען געווען פאַרמאַכט, אַלץ איז געווען פיין, אין אָרדענונג, אָבער אונדזער פריינד פּאַט האָט געפונען אַ וועג, ווי אזוי אַרויס־צולויפן, און דערשמעקנדיק ווו מיין אויטאָ פאָרט, איז ער בליץ־שנעל נאָכגעלאָפן מיט אַלע כוחות.

מיין שאָפער און איך האָבן באַמערקט, אַז די גויים וועלכע זענען געפאָרן מיט פערד און וועגענער האָבן אונדז געגעבן צייכנס, וועלכע מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען. אָבער מיר זענען געבליבן שטיין אין מיטן וועג. — און וואָס איז געשען? פּאַט

איז אריין אין מיין אויטאָ, פאַרסאַפּעט, טויט־מיד. דערביי האָט ער מורא געהאַט, איך זאָל אויף אים נישט זיין בייז.

געקוקט האָט ער אויף מיר מיט פאַראַנגסטיקטע אויגן, וועלכע ער האָט פון מיר נישט אַראָפּגענומען. נו? האָב איך אויף אים געקאָנט בייז זיין, ווען ער האָט אַזוי שווער געאָטעמט און דערביי געציטערט פאַר זאָרג, ווי אַזוי איך וועל רעאַגירן? האָב איך אים באַרויִקט און אַ גלעט געטאָן. קאָן איך נישט פאַרגעסן דעם גליקלעכן אויסדרוק פון זיינע מילדע אויגן און די פרייד מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן לעקן מיינע הענט.

ווען איך האָב אונטערזוכט די קראַנקע איז ער זיך געזעסן רויִק; דאָס האָט ער שוין געלערנט פריער — און פול מיט פרייד איז ער מיט מיר אַהיים געפאָרן.

✶

דעם עפּיזאָד מיט פאַטס נאָכלויפן דעם אויטאָ האָב איך נישט באַשריבן ווי אַ זעלטנקייט, נאָר ווייל מיר קומט עס אָפּט ווי אַ דערמאָנונג פון די יונגע יאָרן.

אָבער דער צווייטער עפּיזאָד, וועלכער לעבט אין מיין זכרון, איז שוין אַ צייכן פון אַ זעלטענער אינטעליגענץ פון אַ הונט.

מען האָט מיך אַמאָל גערופן צו אַ קראַנקער פרוי, וואָס האָט געוווינט אַ 2־3 בלאָקן פון מיר. עס איז געווען שבת ביינאַכט. איך שטעל מיר פאָר, אַז פאַט האָט געמוזט הערן איר נאָמען און זי קענען, ווייל איך האָב נישט געזען ווי ער איז פאַרשוווּנדן.

איך בין אַריינגעקומען צו דער פּאַציענטין, זי אויסגעפרעגט וועגן איר קראַנקהייט און אָנגעהויבן זי צו אונטערזוכן; דאָ איז פאַט אַרויסגעקראָכן פון אונטער איר בעט און זעענדיק, אַז איך בין אויף אים בייז דערפאַר, האָט ער אָנגעהויבן מיך איבערבעטן, לעקנדיק מיינע הענט.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ער האָט אַפּנים געקאָנט דעם נאָמען און געוווּסט, ווו זיי וווינען און באַלד געלאָפן אהין, און אונטער דעם בעט פון דער קראַנקער געוואַרט אויף מיר.

דער סוף פון דעם טייערן פריינד איז געווען דער זעלבער ווי פון מיין פאַמיליע, וועלכע איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַצי־חיות.

פאַט איז דערשאָסן געוואָרן דורך די רוסן ווען זיי האָבן פאַרנומען די געגנט.

☆

לידער

צילאַ לעווענטער

דויער אין טרערן

צו מיין פרוי

איך האָב דיך געטראָפן
אַ זונענשטראַל אין מײַן לעבן,
און מיר גייען צוזאַמען
און וועבן, וועבן, וועבן
אין גליק און אין אומגליק,
אין טרויער און אין פרייד
און יעדן טאָג ווערט באַנײַט
אַ באַנד, וואָס בינדט אונדז ביז דער לעצטער שעה
אין ווײַלטאָג און אין נויט.

איך האָב דיך היינט נאָך ליב
ווי פאַר צוואַנציק יאָר און מער
ווי דאָס ביטערע לעבן
זאָל נישט געווען לאָזן קיין שפורן,
דו ביסט מײַן האַרץ, מײַן לעבן, מײַן טרייסט
אין דיר איינער
געפין איך דעם שיינעם גײַסט,
דעם איינציקן פריינד.
ווײַל איך בלויז ווייס, וואָס דאָס מיינט
צו האָבן דײַן שמייכל, דײַנע אויגן גרינע,
צו וויסן, אַז דו ביסט מיין טרייסט.

ווען עס ווערט מיר אומעטיק און שווער
איז גוט מיר צו וויסן,
אַז דו ביסט מײַן גוטער גייסט,
אַז אויף מײַן פּנים וועט פאַלן דיין וואַרעמע טרער
פון ליבשאַפט, וואָס אַלע טאָג דו באַנייסט.

האָב איך געגרייזט?

ווי איך ליג נאָר דעם קאָפּ אויפן קישן
הייבן אָן זיך די געדאַנקען צו מישן,
הייבן אָן די געדאַנקען צו שמאַרצן
און ס׳קומען פראַגן אַריין אין מיין האַרץ.

האָב איך געגרײַזט אין גאַנצן מיין לעבן?
איז אינגאַנצן אומזיסט געווען מיין שטרעבן
צו זיין אויסגעגליכן מיט דער וועלט?
פאַר וואָס קוועלט און קוועלט און קוועלט
אָן אייביקער אומרו אין מוח?
קאָן אַ מענטש קיינמאָל נישט האָבן דעם כוח
צו דערגרייכן שלום מיט זיך און מיט נאַטור?
פאַרוואָס קומט אַלעמאָל אַ שפּור
פון צווייפל און אַ נייער דראַנג?

איך זע זיי

זיי פאָרן אָן אויפהער. זיי פאָרן אָן אָן עק
טאָג איין, טאָג אויס. טאָג איַין, טאָג אוים.
זיי פילן: זיי זענען אויפן טויטס ברעג,
און פאָרן צום שרעקלעכן, לעצטן הויז.

עס פאָרן מענער, און מאַמעס און קינדער,
טאָג איַין, טאָג אוים, טאָג איַין, טאָג אוים
אָנגעפּאַקט אין וואַגאָנען, ווי רינדער,
וואָס פילן דעם טויט נאָך פאָרן שעכטהויז.

מיין קאָפּ טוט וויי

מײַן קאָפּ טוט וויי
פון דעם שרעקלעכן קלאַפּ
וואָס איז אים געוואָרן געגעבן.
פון מיין פאַרביטערטן האַרץ
איז אין חודש מערץ
אַוועקגענומען געוואָרן מיין לעבן.

מײַנע אויגן זענען בלינד
זינט מײַן טײַער איינציק קינד
איז געפאַלן אַ קרבן פון דייטשע **חיות.**
מײַנע אויערן הערן אַלץ נאָך דאָס געוויין
וואָס דרינגט אַריין אין דער נשמה
— מיליאָנען יידישע לוויות.

קײַן נאַכט גייט נישט אַוועק אָן חלומות:
עס קומען צוריק די מקומות
ווו יידן זענען געוועזן און געוואָרן פאַרשניטן.
נישטאָ מער קײַן טרייסט
נישט פאַר גוף, נישט פאַרן גייסט.

שוין אַריבער די זעכציק

איך בין שוין אריבער די זעכציק
אין דרויסן דער שטורעמווינט
מאַכט מיך קרעכצן און וויינען
ווי אַ קינד.
דאָס האַרץ קלאַפּט נישט מער ווי אַ זייגער
אַ ביסל אַהער און אַ ביסל אַהין
אָבער מען זשומעט נאָך אַלץ
ווי אַ בין.
עס איז אפשר שוואַכער דער גוף
אָבער די געהירן ארבעטן ווי אַמאָל.
איך נעם אָן די נאַטירלעכע שטראָף
ווייל אין מיין ארבעט ראַרף מען זיין פון שטאָל.

גיב דיך נישט אונטער

באַקלאָגסט זיך, אַז דו ווערסט אַלט
און עס ענדערט זיך דיין געשטאַלט
און דו פאַרגעסט ווו דו האַלסט
אַזש דו מיינסט: דאַרפסט זיך שעמען.

איך קאָן דיך טרייסטן: האָסט אַ גרויסן כוח
אין דיין מוח
און וועסט נאָך אַ גרויסע ראָלע שפּילן.
דו און דיינע האַרציקע געפילן.
דערפאַר גיב דיך נישט אונטער
דער לאַסט פון די יאָרן,
ווייל דערמיט קאָנסטו ווייט נישט פאַרפאָרן
האָסט נאָך אַ סך דער מענטשהייט וואָס צו געבן,
מיט דיין לעבן.

עס לויפט אַוועק אַ טאָג

עס לויפט אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג
און מיט אים לויפט דאָס לעבן אַוועק,
איך יאָג נאָך דעם טאָג און יאָג
אָבער דאָס פירט נישט צו קײַן צוועק.

מיטן טאָג איז אַוועק פונעם לעבן אַ שטיק,
עס טוט ווײ דאָס האַרץ דאָס צו זען;
דו טראַכטס עס צוריק צו כאַפּן, כאָטש מיטן בליק,
אָבער עס איז פאַרפאַלן, עס איז געשען.

בלײַבט נאָר צו מאַכן יעדן טאָג פון גרעסערן ווערט,
ער זאָל נישט קײַן אומזיסט פאַרלוירענער זײַן;
און דאָס וועט מאַכן דיך און דײַנע טעג באַערט
און דײַן לעבן וועט נישט ליידיק אַוועקגיין.

מיין טייער קינד

פאַר מיינע אויגן קומסט אין דער נאַכט
מײַן טײַער קינד.
ביסט פאַרטראַכט
און לויפסט אַוועק אַזוי געשווינד.
ביסט דאָך געווען מײַן אויג אין קאָפּ
מײַן שטאָלץ, מײַן איינציקע טרייסט.
איז געקומען דער שווערער קלאַפּ
און איך קאָן פילן בלויז דײַן גייסט.
אָבער דו ביסט תמיד טיף בײַ מיר אין האַרץ
עס שײַנען פאַר מיר תמיד דײַנע ליכטיקע אויגן,
און כ׳בין אָנגעפילט מיט ווייטיק און מיט שמאַרץ
און מיין קאָפּ איז געבויגן.

דאָס געוועזענע קומט פאַר די אויגן

עס איז מיר טרויעריק אויפן הארצן
עס גלוסט זיך מיר נאָר וויינען,
די גלידער פאַרשטאַרצן,
די געדאַנקען — פאַרשטיינען.

דאָס געוועזענע קומט פאַר די אויגן
און שלאָגט אין די געהירן
איך פיל — כ׳בין אין צענען געבויגן
כ׳וועל מיך קיינמאָל שוין נישט רירן.

עס איז נישטאָ קיין היינט,
עס איז נישטאָ קיין מאָרגן.
די יאָרן זענען באַוויינט,
די נשמה פול מיט זאָרגן,
פון אַ טיפן קוואַל
קומען ברענענדיקע טרערן.
דער קאָפּ ווערט פון זיי באַנומען —
זיי טויטן אַלע באַגערן.

דויער אין טרערן

עס לויפן די טעג

עס לויפן די טעג
אויף דעם לאַנגן וועג
צו ברענגען צו אַן ענד די וועלט —

וואָסזשע טויג דאָס לעבן
מיט דעם אייביקן שטרעבן
צו מאַכן בעסער די וועלט?

ענטפערט דער שכל
מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל:
פּרוּוו נישט העלפן דער וועלט!

איידער די וועלט וועט פאַרגיין,
ווי לאַנג וועסטו באַשטיין,
מיט דײַן לאַנגן לעבן אויף דער וועלט?

ד״ר יצחק לעווענטער

ווידער געקומען אַ ביטערע נאַכט

ווידער געקומען אַ ביטערע נאַכט
נישט געשלאָפן, נאָר פאַרטראַכט
און אופסניי האָט זיך געעפנט די ווונד
וואָס צעפרעסט דאָס לעצטע ביסל געזונט.

באַלד דערהערט דאָס שרעקלעכע גערודער:
דערזען מײַן קינד, מיינע שוועסטער און ברידער
אויסגעמאַטערטע, צעשלאָגן
אַרויפגעוואָרפן, ווי זאַכן, אויף אַ לאַסט-וואָגן.

דערזע זיי ווי וואָר פאַר דעם אָפענעם גרוב
קוקנדיק אַריין מיט פאַרגלייזטע אויגן.
די נאַצישע חיות שיסן איינעם נאָכן אַנדערן.
און דאָס איז געווען דער סוף פון זייער וואַנדערן.

דויער אין טרערן

מיין האַרץ וויינט

די זון שײַנט
אָבער נישט פאַר מיר;
מיין האַרץ וויינט
און איז שטיל, אָן אַ ריר,
כ'בין געבליבן אַליין
אָן דעם קינד.
מיט מיר איז נאָר דאָס געוויין
געטראָגן פונעם ווינט,
וואָס ברענגט פון ווײַטן
דעם גרויסן אומעט
וואָס אין אַלע זייטן
שטייט פאַראומערט
איבער דעם גרויסן קבר
פון טויזנטער ברידער;
און אין יעדן אבר
איז ער שוין אַ מידער —
דער שווערער שטאַרקער אומעט,
וואָס קאָן שוין מער נישט זען
ווי אַ בלאָז פון יעדן ווינט
טראָגט מיט זיך נאָר יידיש געוויין.

1945

ד״ר יצחק לעווענטער

ביינאַכט

איך ליג ביינאַכט און טראַכט:
וואָס איז געוואָרן פון מיין לעבן?
וואָס איז געוואָרן פון מיין שטענדיקן שטרעבן
צו טאָן עפּעס גוטס פאַר מענטשן. —
זיי זאָלן קענען דאַנקען און בענטשן
וואָס זיי זענען אַלס מענטשן געוואָרן געבוירן.

דאַכט זיך אַז אַלץ איז פאַרלוירן
ווען מ׳זעט וואָס מענטשלעכע קנאה און שנאה
קענען אָפּטאָן צו אייגענע ברידער.
עס העלפט נישט דאָס געררודער,
און דאָס גרויסע שרייען,
ווען הינטער די פּלייצעס טוט מען חוזקן און שפּייען
אויף אַלץ וואָס איז מענטשלעך און שיין.

און עס וועלן דאָך תמיד זיין פאַרדרייטע,
וואָס וועלן זיין גרייטע
צו העלפן מענטשן אין זייער שטרעבן,
צו פאַרבעסערן דאָס לעבן.

דוּיִער אַין טרערן

מײַן קינדס געבורטסטאָג

הײַנט איז דער טאָג, וואָס אין אים ביסטו געבוירן.
זײַט איך האָב דיך פאַרלוירן
גייסטו נישט אַרויס פון מײַנע אויגן
און נעסטעסט אין מײַן האַרץ.

דער פּיין און דער שמאַרץ
פאַרלאָזט מיך נישט אויף קײַן איין מינוט.
איך זוך טרייסט, כ'זוך מוט
צו קענען אָנגיין מיט מיין בידנעם לעבן.
איך האַלט אין איין שטרעבן
צו העלפן מענטשן, צו העלפן ברידער, אייגענע,
און אפילו ווען איך בין פון לעבן שוין אַ מידער
האַלט איך מיך בײַם לעבן, כדי דיך צו געדענקען
און דיר מײַן האַרץ און מײַן ליבשאַפט צו שענקען.

איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
ביז די צייט וועט מיך אויפעסן.

ד״ר יצחק לעווענטער

דער מידער בליק פון מיינע אויגן

צו שרײַבן מײַן דראַנג
איז נישט פאַר געזאַנג
נאָר פאַר געוויין.
ווײַל טרויער אין אין מײַן האַרץ אַרײַן
און איז געבליבן
צוזאַמען מיט דער פּײַן.

דער מידער בליק פון מיינע אויגן
זעט מײַנע שוועסטער, מײַנע ברידער
און מײַן טײַער איינציק קינד.
איך וווּנדער מיך, וואָס איך בין נאָך נישט בלינד
פון דעם אייביקן נאָכיאָגן מיט מײַנע אויגן
נאָך די בילדער, וואָס מיט נעפּלען פאַרצויגן.

29.4.1963

ביז אַלץ וועט פאַרגיין

עס איז נישט מער דער נאָרמאַלער שטייגער.
מײַן האַרץ האָט אויפגעהערט שלאָגן ווי אַ זייגער,
אַ קלאַפּ פעלט אויס, אַ קלאַפּ פאַלט אַראָפּ
און עס שווינדלט דער קאָפּ.

עס פאַלט ט שוואַכקייט אויף דעם גאַנצן לייב
עס ווערט שווער זיך צו טאָן אַ בייג אָדער אַ הייב —
ליג איך רויִק און טראַכט פון קומענדיקן טויט
ביז אַלץ וועט פאַרגיין.

25.6.1963

אַלץ לויפט נאָכן געלט

פאַרשטיי איך נישט די היינטיקע וועלט
ווו אַלץ מיינט נאָר געלט, געלט, געלט.
מענטשן וואָס האָבן אַזוי שווער געליטן,
האָבן זיך אַזוי שנעל געביטן,
פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט
און לויפן נאָר נאָך געלט.

מענטשן וואָס האָבן געלערנט אַ סך,
וואָס לערנען איז געוואָרן זייער פאַך,
און האָבן צוליב דעם לערנען זיך געקוועלט,
לויפן היינט נאָר נאָך געלט.

נאָר אַז די פיס קאָנען מער נישט לויפן
אין טאַקט פון געלט —
פאַרלירן זיי דאָס לעבן און די גאַנצע וועלט.

וואָס לויפט איר?

עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט
און דער רעגן גיסט אין שטראָמען,
אָט־אָט ווערט מען בלינד,
אָבער מען יאָגט, כדי נישט צו פאַרזאמען.

וואָס לויפט איר, טייערע פריינד,
וואָס ווילט איר אַזוי שנעל כאַפּן?
איז דען כדאי צו פאַרלירן דאָס לעבן היינט
כדי אין טרוים אַלץ צו פאַרכאַפּן? —

איך האָב געהאַט אַ חלום

ביינאַכט האָב איך געהאַט אַ חלום:
די גאַנצע וועלט האָט געלעבט אין שלום.
די פעלקער האָבן געלעבט צופרידן
די אַראַבער האָבן ליב באַקומען די יידן;
יאַפּאַנער האָבן זיך צעקושט מיט אַמעריקאַנער
און די נעגערס האָבן זיך געפרייט
מיט די דרום-אַפריקאַנער.

דייטשן און פראַנצויזן זענען געוואָרן ברידער.
צווישן אינדיע און כינע אויפגעהערט דאָס גערודער
אַ פאָלקע האָבן געטאַנצט די רוסן
מיט די גויים פון פוילן.
בען בעלאַ פון אַלזשיר האָט יעדערן באַפוילן
ליב צו האָבן פראַנקרייך ווי אַן אייגן לאַנד.
צווישן מצרים און ישראל איז אַוועק די וואַנט,
נאַצער און בן-גוריון האָבן געשטרעקט
האַנט אין האַנט —
די וועלט איז איינגעוויקלט אין אַ ליבע-באַנד.

פלוצים האָב איך מיך אויפגעוועקט
מיטן פנים צו דער וואַנט
און האָב דערזען דאָס רויט געוואַנט
וואָס טיילט אָפּ איין פאָלק פון צווייטן,
האָב דערזען די גרענעץ צווישן דעם און יענעם
און פאַר זיך אַליין כ'האָב זיך אָנגעהויבן שעמען.

דויער אין טרערן

ווען עס קומט די נאַכט

ווען עס קומט די נאַכט
ליג איך און טראַכט
און וואַרט אויף דעם מאָרגן —
אפשר וועלן קלענער ווערן די זאָרגן.

וואָס טויג דאָס גאַנצע לעבן?
וואָס טויג מיין שטרעבן,
נאָך דעם גרויסן קרבן
וואָס האָט מיין לעבן פאַרדאָרבן?

עס איז מיר נישט וויכטיק דאָס געלט,
עס דאַרף נאָר דעקן מיין באַדאַרף.
כאָטש חברים אין מיין אַרבעטספעלד
קוקן דערויף זייער שאַרף.

אזוי וועל איך שוין אָנגיין
ביז מיין לעצטער מינוט.

איך ארבעט, ווייל איך מוז,
אָבער אָן גענוס.
די אַרבעט פילט אוים די טעג
פון מיין טרויעריקן וועג.

מיין אײנציקע פרייד
איז העלפן מענטשן
איז זייערע צרות און לייד.

ד״ר יצחק לעווענטעטער

דער 20טער מערץ 1942
אין ראָהאַטין

איך שרייַב הייַנט קורצע לידער,
ווייַל איך בין אַ מידער
פון מיין צעשטערטן לעבן.
און כאָטש די געדאַנקען וועבן
און די געפילן שטראָמען
וועל איך זיכער פאַרזאָמען
אויפצושרייַבן וואָס איך באַגער.
קאָן איך נישט לאַנג שרייבן דורך דער טרער,
וואָס פאַרגיסט מייַנע אויגן;
און מייַן רוקן ווערט געבויגן
פון דעם גרויסן טרויער.

שרעק באַפאַלט מיך טאָג און נאַכט
ווען איך ליג אָדער זיץ און טראַכט
פון מייַן טייַער קינד,
מייַנע שוועסטער, מייַנע ברידער
אויסגעמאָרדעטע אין דעם גרויסן האַרמידער.

אין אַ פרייטיק פאַרטאָג
אין אַ פראַסטיקן ב׳ דניסן
האָט זיך באַוויזן די דייַטשע פּלאָג
און געלאָזט יעדן יידן וויסן,
ער זאָל לויפן אויף דעם פּלאַץ פון מאַרק,
און דאָרט — אַ קויל אין קאָפּ, אין קאַרק,
אָדער דערווייַל בלויז די באָרד מיטן פלייש געריסן.

איבער זעקס שעה איז מען געזעסן אין נויט
אָן האָפענונג, אָן טרייסט, אָן ברויט
די קעלט און דער הונגער
האָבן אויסגעמאַטערט יעדן גליד
און ווען יעדער איז שוין געווען טויט-מיד
האָבן זיך דערהערט געקלאַפּעריי פון שווערע וואַגנס
וואָס זענען ענדלעך געקומען זיי פירן צום טויט.

מאַמעס מיט קליינע קינדער
געזעצט האָט מען באַזונדער,
און אויב אַ קינד האָט געטאָן אַ וויין
איז שוין די מאַמע געבליבן מיט איר ווייטיק אַליין,
געכאַפּט מ׳האָט דאָס עופהלע
ביי אַ פוס אָדער האַנט
און עס געטאָן אַ שלײַדער
מיט דעם קעפּל צו דער וואַנט.
און טאָמער האָט די מאַמע געיאָמערט,
האָט זי דער מערדער צעשלאָגן,
דערשאָסן אויף טויט
און דאָס האָט איר פאַרקירצט די ביטערע נויט...

איז דער מאַרקפּלאַץ געוואָרן מיט מענטשן פול
נאָר געווען איז שטיל...
ייִדישע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט,
און די הערצער פאַרשטאַרט,
און פאַרשטיינטע מ׳איז געזעסן און געוואַרט.

ד״ר יצחק לעווענטער

יידן גייען צו דער באַן

איך זע זיי פאַר מײַנע אויגן
מײַנע טײַערע ברידער־יידן:
מיט אַ בליק אַ פאַרחלשטן, אַ מידן,
מיט אייגענעם שטאָלץ, כאָטש אײַנגעבויגן.

פון קעלט אויסגעמאַטערט,
פון קראַנקהייט און הונגער,
זיי גייען אויף דעם פאַרפרוירענעם פעלד
צי עס איז אַן אַלטער אָדער אַ יונגער.

מאַמעס טראָגן קליינע קינדער אויף די הענט,
טאַטעס און זיידעס גייען מיט בליקן פאַרשטאַרטע;
כאַפּן אַ לעצטן קוק אויף די אַרומיקע ווענט
אין וועלכע זיי זענען לעצטנס געלעגן פאַרשפאַרטע.

צען צוועלף אין אַ צימער
צוויי־דריי משפחות אינאיינעם,
מען האָט נישט געקאָנט זיך באַקלאָגן פאַר קיינעם.

הערט מען נישט קײַן קול, קײַן געוויין אָדער לאַך
מיט פאַרפרוירענע פיס מ׳גייט ווי אין וואַן
אָט הערט מען אַ שאָס, אָט אַ קראַך,
עס פאַלן יידן אויפן וועג צו דער באַן.

4.12.1963

אַ ייִנגעלע

איז געקראָכן אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר נײַן,
דורך דער שווערער געטאָ-וואַנט.
געפּרווּט האָט ער גרייכן אין שטאָט אַרײַן,
און געהאַלטן האָט ער אַ זעקעלע אין דער האַנט.

ער איז געגאַנגען קויפן ברויט;
געטראָגן — נישט אין זעקעלע — טייערע זאַכן,
נישט געשראָקן האָט אים דער טויט, —
ער האָט געוווּסט וואָס ער דאַרף מאַכן.

ווי דאָס קינד איז נאָר אַרויס פון דער מויער
האָט ער דערזען אַ פּאָליאַק שטיין פון ווײַט.
אויסגעזען האָט ער ווי אַ נעבעכדיקער פויער,
האָט דאָס קינד זיך ווונדערלעך דערפרייט.

וואָס האָסטו ייִנגעלע, פרעגט אים דער גוי,
אפשר ווילסטו מיט מיר האַנדלען?
געענטפערט האָט דאָס ייִנגעלע אַזוי און אַזוי:
איך וויל פּערל אין ברויט פאַרוואַנדלען.

האָסטו זייער גוט געטראָפן, —
האָט דערויף דער פּאָליאַק געזאָגט,
נאָר מוזט מיר זאָגן דרײַסט און אָפן,
וואָס פאַר אַ ווערט דײַן פּערל האָט.

דאָס געשעפט איז געוואָרן באַלד געמאַכט:
דאָס ייִנגעלע געלאָדן מיט קאַרטאָפל און ברויט
האָט זיך צוריקגעקערט צו דער וואַנט אָן פאַרדאַכט
מיט אַ האָפענונג:
ס'וועט אפשר אַ צייטלאַנג נישט זיין אַזאַ נויט.

אָבער דעם פּאָליאַק
האָט געביסן אַ שלאַנגישער געדאַנק:
אַ יידיש קינד זאָל בלייבן לעבן?
נישט געקלערט צו פיל, נישט געקלערט צו לאַנג
האָט ער אויסגעזוכט אָן ס.ס.-מאַן דערנעבן.

און אים דערציילט דעם שרעקלעכן פאַקט,
אַז ער האָט געזען אַ יידן קריכן דורך דער וואַנט,
דאָס איז דאָך נישט קיין לעגאַלער אַקט
און דאָס דערלאָזן געוועזן וואָלט אַ שאַנד.

ער האָט דער דייטשער חיה געוויזן דאָס קינד
וואָס אַ טייל פון זיין קערפּער
האָט נאָך פון דער וואַנט אַרויסגעשטעקט —
דער ס.ס.-מאַן האָט געצויגן די ביקס געשווינד
און דאָס יידישע קינד מיט קוילן באַדעקט.

דעם קינדס גוף געפאַלן איז טויט.
פאַרקלעמט אין זיין האַנט געבליבן איז דאָס ברויט.
דעם פּוילישן גיבור פאַרשאַפט האָט עס פרייד
און דער דייטש,
דער נאַצי, איז צו שיסן ווידער גרייט...

דויער אין מרערן

אַן אוקראַינישער העלד

געלעבט האָט זיך אַן אוקראַינער
וואָס פלעגט האָדעווען הינער,
און איצט איז ער אַ דײַטש —
בייטשט און שלאָגט יידן
ביז ער זעט אים שוין אַ טויט-מידן,
דעמאָלט מאַכט ער אים אויף דאָס מויל
און שיסט אים אַריין אַ קויל.
דאָס מאָרדן יידן איז געוואָרן זיין פאַרגעניגן.
האָט ער זיך געפרייט,
ווען ר'האָט באַוויזן וווּנדער:
ווען ער האָט מאַסנווייז
דערהרגעט יידישע קינדער.—
איינמאָל האָט ער געטראָפן צוויי יידישע יונגען
און האָט געפרוווט זיי צו צווינגען —
האַלטנדיק די בײַטש איבער זייערע קעפּ
און דראָענדיק זיי מיט שווערע קלעפּ —
זיי זאָלן זיך אַליין לייגן אויף דעם פעלד,
ווײַל אַזוי וויל ער, דער אוקראַינישער העלד.
אָבער אויך אַ חיה מאַכט אַמאָל אַ טעות —
דאָס מאָל האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס
איינער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זײַנע פיס
און דער צווייטער ייד האָט אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ
אַזוי איז ער געפאַלן ווי פון אַ באַרג אַראָפּ.
האָט געבעטן רחמים דער גרויסער העלד —
און די פאַרפייניקטע יידן האָבן לויטער זיך צעקוועלט:
געלונגען בײַצוקומען אַ ווילדן שונא;
הלוואי וואָלטן מיר
דאָס געקענט טאָן צו טויזנטער אַזוינע.

יידיש

איר האַלט מיך אין איין פרעגן,
פאַרוואָס איך רעד יידיש.
עס האָבן זיך געענדערט שוין אַלע וועגן
און איך רעד נאָך און שרייב אַלץ יידיש?

מיין ענטפער איז פשוט, נישט געדרשנט:
איך האָב עס ביַי מיַין מאַמען גערירשנט.
יידיש האָבן גערעדט מיין טאַטע, מיין מאַמע,
יידיש האָט גערעדט מיַין איינציק קינד,
יידיש לערנט זיך אויס געשווינד —
דאָס ווייסט איר דאָך אַלע מסתמא.
יידיש רעדט זיך, יידיש איז טייער,
יידיש צינדט אָן אין הארצן אַ פייער.
אַ זיפץ אין יידיש, העלפט אין גרעסטן טרויער —
יידיש איז די שטאַרקסטע, פעסטע מויער,
וואָס היט אונדז אָפּ פון פאַרשווינדן.
יידיש היילט אַ סך וווּנדן
אַ סך צרות און לייד.
דאָס יידישע וואָרט ברענגט אַלץ נאָך פרייד.

יידן זענען טייער

איך פיל מיך צום בעסטן צעווישן די יידן:
יידן זענען היימיש, יידן זענען טייער.
נאָר צעווישן יידן כ׳קען זיַין צופרידן,
נאָר יידן קענען אָנצינדן
פון האָפענונג דאָס פייער.

איך הער מיך צו צום ליד

דער קלאַנג
פון מוזיק און געזאַנג
ברענגט פאַרגעניגן און פרייד
און נעמט אַוועק טרויער און לייד.

אויף אַ קורצער ווײַל אַנטלויפט צו דער ווײַט
דער צער פון דעם אָנגעווייטיקטן האַרץ.

איך הער מיך צו צום ליד,
וואָס קאָן קיינמאָל נישט מאַכן מיד,
ווייל עס ברענגט פאַר מיינע אויגן
מײַן קינד וואָס זיצט אָנגעבויגן
און שפילט אויף דעם פּאַרטעפּיאַן.
ער ווייסט, אַז איך הער מיך צו
און דאָס, כּאילו, ברענגט אים רו.

שפּילט ער מיט געפיל
און אַרום און אין זאַל איז שטיל,
ביז עס קומט אַ קלאַפּעריי פון די הענט,
אַז עס ציטערן די ווענט:
עס פרייען זיך אַלע קינדער
און צווישן זיי מײַן געליבטער אַצינדערט.

נאָר פּלוצים, דאָס בילד פאַרשווינדט
און איך זע נישט מער פאַר מײַנע אויגן מײַן קינד
נאָר זײַן קבר
וווּ צעריסן ליגט זיין יעדער אבר
פון דעם נאַצי־מערדערס קוילן.

אַזוי ענדיקן זיך פאַר מיר אַלע פריידן
מיט אַ טיפן טרויער און שרעקלעכעליידן.

ווען מענטשן געפינען אויס

ווען מענטשן געפינען אויס
אז פון מיין משפחה איז נישטאָ קיינער,
קומען זיי באַלד אַרויס:
„איר זייט דאָך נישט איינער״.

דאָס דאַרף זיין אַ טרייסט
פאַר מיין פאַרביטערטן האַרץ
דאָס גרויסע אומגליק פון פאָלק-מיין
דאַרף שטילן מיין געוויין!

איך האָב גאָרנישט קעגן זיי
ווייל מענטשן בלייבן מענטשן,
זיי קלערן נישט, ווען זיי טוען מיטן מויל אַ דריי
און מען דאַרף זיי נאָך דערפאַר בענטשן.

איך האָב פאַרלוירן

איך האָב פאַרלוירן מיינע שוועסטער און ברידער
און מיין איינציק קינד.
איך גיי ארום א טויט-מידער
און טראָג אין האַרץ אַ טיפע ווונד.

אָבער מיין פאַך איז פאַר זיך אַ וועלט,
ווו מען מוז אַרבעטן שווער —
אָבער איך האָב נישט אין זינען דאָס געלט,
איך וויל נאָר העלפן מענטשן וואָס מער.

עס לויפן אַוועק וואָכן, עס לויפן חדשים,
די יאָרן אַנטלויפן און מען ווערט אַלט,
אָבער ברענגען טרייסט טאָגטעגלעך די מענטשן —
דאָס האַלט מיך אויף, אויף דער וועלט.

דויער אין טרערן

יידישע קינדערלעך

טײַערע, האַרציקע יידישע קינדערלעך,
גאָלדענע, ליכטיקע, שיינינקע פּנימלעך,
בלויאינקע, שוואַרצינקע, גלאַנצנדיקע אייגעלעך —
איך הער אייערע קולעכלעך
ווי פון זינגענדיקע פייגעלעך.

איך הער דאָס לאַכן פון אײַערע מײַלעכלעך,
ווי איר שפּילט זיך
מיט קליינטשיקע קײַלעכלעך.
איך זע אייך לויפן כאַפּן איינער דעם אַנדערן,
מען מוז אויף אײַך אַכטונג געבן,
ווייל איר ווילט וואַנדערן.

איך זע צווישן אייך די קליינינקע מיידעלעך,
איך זע זייערע מאַמעס נייען פאַר זיי קליידעלעך;
איך זע די מיידעלעך טאַנצן און ווערן נישט מיד
האַלטן זיך בײַ די הענטלעך און זינגען אַ ליד.

פּלוצים זע איך שוין פאַר מײַנע אויגן
נישט קיין קינדער...
בין איך פּלוצים שוין געוואָרן גאָר אַ בלינדער?
ניין, איך האָב מיך אויפגעוועקט פון אַ טײַערן חלום
מיט אַ גרויסן ווייטיק,
וואָס איך קאָן נישט מאַכן מיט דעם שלום.

כ׳מוז געבן אַ באַשייד

יעדן אויף דער נאַכט,
נאָך איידער איך לייג זיך שלאָפן,
גייט אויף אין מיר אַ פאַרדאַכט,
אַז זײַן ליבער גאָמען וויל מיך שטראָפן.

פאַר מיינע אויגן קומען אויף טראַגעדיעס, דראַמען,
און בעטן זיך זיי אויסצולייגן אין זאַצן, אין גראַמען.
איך זאָל זיי שרײַבן
אין סטראָפעס, לידער, —
זאָל נאָר דער שלאָף זיי נישט פאַרטרייבן
ווײַל איך ווער אַלץ מידער און מידער.

איך אַרבעט שווער, איך העלף קראַנקע;
דאָס איז נישט נאָר מײַן פאַך,
צו דעם זענען געווענדט מײַנע געדאַנקען.
עס טוט מיך וויי יעדער מענטש, וואָס ליידט —
און מיט מײַנע כוחות אָרעמע
כ׳מוז געבן אַ באַשייד.

אַלץ הייסט אַ „פּאָעמע"

אַלץ הייסט אַ פּאָעמע
אַבי מען לייענט עס הויך,
עס שפּילט נישט קיין ראָלע די טעמע
און מען דאַרף נישט האָבן קיין מוח.

האָב איך לעצטנס געלייענט אַ „פּאָעמע"
פון אַ גרויסן, „פּאָעט";
און ווייסט איר וואָס עס איז געווען די טעמע?
„ווי אַזוי עס איז געקומען צו אַ גט".

„ער" איז געגאַנגען רעכטס,
„זי" איז געגאַנגען לינקס,
„ער" האָט זיך באַקענט מיט עפּעס אַ „רעכטס"
און האָט איר געקויפט „מינקס".

ווען זי האָט זיך פון דעם דערוווּסט
האָט זי אים געגעבן „גוטע" טעג,
אַזוי אַז ער האָט באַלד געמוזט
אַוועקלויפן אין אַ שנעלן געיעג.

איצט פרעג איך אײַך, טייערע ברידער
איז דאָס נישט קיין גרויסע פּאָעמע?
דאַרף מען נישט מאַכן קיין גערודער
ווען מען באַשרײַבט אַזאַ וויכטיקע טעמע?

אין שאַראָן ספּרינגס

געקומען אין קוראָרט אַצינד,
ווו עס זענען דאָ אזוי פיל בעדער,
נאָר עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט,
כאָטש דאָס לעבן גייט דאָ אויף רעדער.

מ׳שטייט אויף אין דער פרי
מ׳טרינקט צום היילן זיך, מינעראַל־וואַסער;
דערנאָך נעמט מען אַ שוועבל־באָד
און מ׳קומט אַרויס אַ נאַסער.

צו מאָרגנס נעמט מען אַ מאַסאַזש
געמאַכט דורך אַ שטאַרקן בחור;
אַזוי רעכנט מען צו פּטרן דעם רעומאַטישן באַגאַזש
און צוריק ווערן אַ שטאַרקער, יונגער זכר.

דערנאָך פרעסט מען זיך אָן, וויפיל מען קען
און אַ פּאָר שעה שפּילט מען אין קאָרטן;
און כאָטש די זון טוט אַ גוטן ברען
זיצט מען און מען שפּילט אין גאָרטן.

אין תל־אביב

גערקומען קיין ישראל שוין
דאָס פינפטע מאָל:
און ווידער לעבט אויף ס'פאַרגעניגן
פון זיין מיט אַזויפיל יידן.

איך הייב אָן צו וועבן דעם חלום פון מי,
אַ חלום פון אַרבעט
אין אונדזער טייַער לאַנד.
און כאָטש אין לעבן שטייט אַ דיקע וואַנט
וואָס טיילט אָפּ דעם חלום
פון דערווירקלעכער וואָר
שטרעק איך אויס צו דיר מיין האַנט
און זאָג דיר: שלום, מיין איינציק לאַנד.

7. 12. 1964

אַ תפילה

(נאָך דעם פאַל פון 2טן סעפטעמבער 1965)

עס איז נאָך ראש־השנה,
אונדזער ניי יידיש יאָר.
איך בעט אויף איין מתנה:
איך זאָל קענען דענקען קלאָר.
מיין קאָפּ זאָל זיך נישט דרייען
ווען איך ליג, זיץ אָדער שטיי אין הויז —
איך זאָל רויִק קענען גיין אַרייַן אָדער אַרויס,
איך זאָל אויפהערן געדענקען
די קלעפּ פון אַמאָל
און וואַרטן און בענקען
אין זוניקן טאָל.

ד״ר יצחק לעווענטער

אַטלאַנטיק סיטי

מענטשן פרייען זיך,
דרייען זיך, טאַנצן.
עס איז יום־טוב היינט
פאַרגעסן זיי אינגאַנצן
וואָס עס איז געשען צו די זעקס מיליאָן.
די זון שיינט
מ׳הערט איין שאָס נאָכן אַנדערן
אָבער נישט פון קאַנאָנען.
נאָר מיין האַרץ וויינט,
פאַר מיר איז נישטאָ קיין פרייד
מיין לעבן איז נאָר אין לייד,
פאַר מיינע אויגן שטייט די גרויסע מויער,
וואָס האָט אָפּגעטיילט יידן פון דער וועלט,
געהאַלטן זיי אין הונגער, ליידן און טרויער
און די ווילדע חיות האָבן געקוועלט.

עס לייגט זיך אויפן שכל,
אַז אַסך מאָל מוז מען אָנגיין מיט אַ שמייכל;
מענטשן קאָנען נישט זען מיינע טרערן!
אָבער איך קאָן נישט און וויל מיך נישט ווערן
כ׳וועל נישט שווערן,
כ׳וועל וויינען נישט אויפהערן.

איך קאָן נישט און וויל נישט אויסמיידן
דעם שטענדיקן וויי אין מיין האַרץ,
ווען איך געדענק און זע תמיד פאַר מיינע אויגן
טויזנטער יידן אָנגעבויגן
פאַר די אויסגעגראָבענע גריבער,
וואַרטנדיק אויף דעם אויסלייזנדיקן טויט.

5.31.65

פריידעלע

אין זיינע אויגן איז ניט געווען קיין שענער מיידל
ווי זיין פעטערס יינגסטע טאָכטער פריידל.
זי איז געווען זיין ערשטע קוזינע
און יעדעס וואָרט אירס, יעדע מינע
האָט אים געגעבן אַזויפיל פרייד,
אַז ווען ער האָט זי נאָר באַגלייט
זענען אַוועק פון אים אַלע זאָרגן
און ער האָט געזען פאַר זיך אַ גליקלעכן מאָרגן;

ענדלעך איז דער גליקלעכער טאָג געקומען
און ער האָט זי פאַר זיין ווייב גענומען.
צופרידן האָבן זיי צוזאַמען געלעבט
און ער האָט נאָר געשטרעבט
פריידעלען מיט אַלעמען צו פאַרזאָרגן,
כדי זי זאָל זיין צופרידן היינט
און האָפן מערער אויף מאָרגן.

עס כמאַרעט זיך

עס כמאַרעט זיך און דער הימל איז טונקל,
עס זעט אויס עס וועט רעגענען,
דאָס האַרץ באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל —
ווער ווייסט וואָס איך וועל באַגעגענען?

רעגנדיק צי שיין,
עס איז אַ קליינער חילוק,
דער עיקר איז אָנצוגיין
מיט אַ לעבן, וואָס איז נישט ביליק.

אַ פּאַציענט

עס איז היינט געקומען אַ פּאַציענט,
וואָס באַקלאָגט זיך אויף די הענט;
איך טוען אים ווי די פּים
און אין מויל איז אים מיאוס.

ער האָט נישט קיין אַפּעטיט,
און לעצטנס איז ער זייער מיד,
די נעכט זענען פאַר אים אַ שטראָף
ווייל ער פאַרברענגט זיי אָן שלאָף.

ער פילט זיך שלעכט,
ער עסט און ברעכט,
עס איז אַזוי קיינמאָל נישט געווען:
עס איז ערשט געשען.

איך קוק אויף אים, ער זעט אויס גוט
אָבער עס שיינט, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין מוט.
איך אונטערזוך אים גענוי — ער איז פיזיש געזונט
אָבער גייסטיק זעט אויס — ער האָט אַ וווּנד.

יעצט איז די שווערע פראַגע:
וואָס איז די סיבה פון זיין לאַגע?
אָבער דאָס קאָן נישט געענטפערט ווערן באַלד,
ווייל דאָס גייסטיקע לעבן איז אַ גרויסער וואַלד:

עס וואַקסן דאָ טויזנטער ביימער מיט בלעטער
און זייער צושטאַנד איז אָפּהענגיק פון וועטער;
איז דאָס וועטער גוט און ריין
זענען די ביימער געזונט און פיין.

זוכנדיק דעם קראַנקן בוים
אין דעם פּאַציענטס גייסט
האָב איך מיך אָנגעטראָפן אויף עפּעס דרייסט.
עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך אַלס קינד
איז ער באַגאַנגען אַ שווערע זינד:

נישט ווילנדיק האָט ער פאַראומגליקט אַ פריינד;
און זיין אונטערבאַוווּסטזיין
קאָן עס נישט פאַרגעסן ביז היינט,
ווען ער האָט זיך ענדלעך דערוווּסט,
אַז ער איז נישט שולדיק
איז ער באַלד געוואָרן געדולדיק.

עס זענען אַוועק זיינע גייסטיקע און פיזישע ליידן;
ער האָט אָנגעהויבן צו פילן פון לעבן די פריידן
ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און העלפן מענטשן
זיינע פריינד און משפחה
האָבן אָנגעהויבן אים בענטשן.

ד"ר יצחק לעווענטער

זייט איך האָב געענדיקט מעדיצין

די מעדיצין האָט ווירקלעך פּראָגרעסירט
דאָך נישט איין מעדיצינער האָט אונדז קאָמפּראָמיטירט
אַ „טעסט" איבערן קראַנקן אָן שום שאלות
פּרובירט דער דאָקטער „וויסנדיק אַלעס".

מיך טוט ווייַ דער פּאַציענט —
וואָס מוטשעט זיך, באַקלאָגט זיך און ליידט שווער.
זיינע אויגן געווענדעט צום דאָקטערס הענט —
דערוואַרט ער מיטגעפיל און מענטשלעך באַגער...

ווען דער דאָקטער אַליין איז קראַנק —
אויך ער באַקלאָגט זיך און פּאַרלאַנגט,
געניי ווי ביי אַנדערע איז זיין דראַנג
געזונט צו זיין און לעבן יאָרן לאַנג...

צו די דאָקטוירים

אַ ביסל מיטגעפיל
העלפט אַ סך מער
ווי פיל מעדיקאַמענטן.

פאַרהיל דיך נישט,
ווען דו זעסט אַ טרער
ביי די ליידנדיקע פאַציענטן.

ער דערוואַרט פון דיר אַ טרייסט,
ווייל ער האַלט דיך פאַר דעם גייסט,
וואָס קאָן לינדערן זיינע ליידן.

אפשר האַלסטו פון זיך שטאַרק
און ביסט אין ווערטער קאַרג,
וועט דיך יעדער אויסמיידן.

דאָס היינטיקע וויסן דאַרפסטו באַנוצן
אָבער נישט עס פאַרפוצן,
מיט ארויסווייזן דיין שטאָלץ.

איך גיי דעם לעצטן וועג

איך פיל איך גיי באַלד דעם לעצטן גאַנג —
עס טוט אַ ביסל נאָך דעם לעבן באַנג —
איך לייד גרויסע שמערצן
וואָס רייסן זיך אריין אין האַרצן.

איין זאַך פרייט מיך אין מיין נויט,
וואָס איך האָב נישט מורא פאַרן טויט.
איך ווייס אַז דער טויט מוז קומען —
מען קאָן אים נישט ביַיקומען.

איך בין נישט אין אַ געיעג
צו גיין דעם לעצטן וועג;
ווי לאַנג איך האָב אַ ביסל כוח
און עס אַרבעט נאָך מיין מוח —
ווי לאַנג עס וועט מיר זיין מעגלעך
וועל איך אָנגיין מיט מיין אַרבעט טעגלעך.

מיין טייער לעבן

איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט פון מיר,
מיַין טיַיער לעבן,
ווו איך גיב זיך נאָר אַ ריר
הייסטו מיר פאַרלאַנגען, הייסטו מיר שטרעבן.

וואָסזשע וועט זיין פון דעם דער סוף?
עס מוז דאָך אַ מענטש —
ווען די ציַיט קומט — שטאַרבן.
וואָסזשע דאַרף איך מיך ריַיסן אַרויף, אַרויף,
אַז די שעה וועט קומען וועט אַלץ פאַרדאַרבן?

דויער אין טרערן

דער לעצטער וועג?

יעדן טאָג פיל איך מיך מער קראַנק —
עס זעט אוים ווי מען דאַרף גיין דעם לעצטן גאַנג.
וואָסזשע דענקט איר וועט געשען?
דער חזן וועט זינגען מיט אַ טרויעריקן ניגון
די מענטשן וועלן זיצן טרויעריק אויף דער באַנק...

און נאָך דעם
וועט זיין ווי קיינמאָל נישט געווען.
מענטשן וועלן לעבן
אזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.
אַזוי דאַרף אויך זיין,
ווייל יעדער גייט זיך זיין גאַנג.
און טאָמער האָט ער דעם געדאַנק,
אַז אָן אים קאָן נישט אָנגיין די וועלט —
וועט ער נישט שטאַרבן ווי אַ גרויסער העלד;

ער וועט וויינען נאָך יעדער מינוט
און עס וועט צו זיין קאָפּ שטראָמען דאָס בלוט
און ער וועט ליידן שרעקלעכע ליידן,
אָבער דעם מענטשלעכן סוף
וועט ער דאָך נישט אויסמיידן.

אויף שמאָלן וועג

עס לויפן די טעג
אויף שמאָלן וועג
וואָס פירט צו סוף, צו ענד.
ווו איך טו מיר אַ ווענד
שטייט פאַר מיר דער טויט;

איך זאָג דאָס נישט פאַר נויט,
ווייל כ׳בין ווייט פון ציטערן.
עס קאָן מיך נישט פאַרביטערן
דאָס וואָס מוז קומען
און מײַן קול פאַרשטומען.

איך מוז אַמאָל זיין אַליין

איך בעט אייך, פריינד
לאָזט מיך צורו היינט
איך קאָן מיט אייך נישט גיין
איך פיל, איך מוז זיין אליין.

איך האָב מיט אייך צייטן פאַרבראַכט
און עס איז געווען זייער פיין,
אָבער היינט בין איך פאַרטראַכט
און מוז זיין אליין.

עס שטייט פאַר מיר די מויער
וואָס טיילט מיך
פון מיינע שוועסטער און ברידער.
איך וויל נישט,
איר זאָלט טיילן מײַן טרויער
איך מוז זיין אליין ווידער.

צו דער לבנה

עס שיינט די לבנה
אויף געוויסע ערטער;
דאָס ברענגט אַ מתנה
וואָס עס איז שווער
צו באַשרייבן אין ווערטער.

נאָך דער לבנה איז אַ בענקשאַפט
שוין פון טויזנטער יאָרן;
און איצט,
ווען עס איז אויף דער וועלט אַן ענגשאַפט
מוז מען טראַכטן אַוועקצופאָרן...

וווּהין־זשע זאָל מען פאָרן
אויב נישט צו דער לבנה?
אַזוי וועט מען פאַרשפּאָרן
צו וואַרטן אויף דער מתנה...
עס איז נאָר אַ גרויסע פראַגע
צי מען קאָן דאָרט לעבן —
ווי אַזוי איז דאָרט די לאַגע?
צי איז ווערט דאָס שטרעבן?

2.26.1969

איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן

איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן
אויף די אַלע זיבן זאַכן
צי זאָל איך מיך באַקלאָגן
אויף דעם, וואָס מענטשן מאַכן?
צי זאָל איך עס פאַרטראָגן
און גאָר דערפון לאַכן?

בין איך געקומען צו דעם דין
אַז עס האָט דעם איינציקן זין
אַל דאָס מענטשלעכע דורכצוקלערן:
דאָס שלעכטע טראַכטן צו צעשטערן,
דאָס גוטע מיט אַלע כוחות צו פאַרהיטן
און פאַר דעם גוטן זען צו פאַרגיטן.

דער יידישער בוים

עס וואַקסט אַ יונגער בוים
אין אַ גאָרטן אַן אַלטן,
שונאים טראַכטן צו פאַרוואַרפן אויף אים אַ צוים
כדי זיין וווּקס צו פאַרהאַלטן.

אָבער דער בוים וואַקסט שטאַרקער און העכער
און געבערט יונגע גרינע בלעטער.
טראַכטן די שונאים צו בויערן לעכער
און דעם בוים טאָן אַ צעשמעטער.

די לעכער האָבן דעם בוים נישט צעשטערט,
זיין איינפלוס אויף דעם גאָרטן איז אַלץ פאַרבליבן,
די בלעטער אויפן בוים האָבן זיך פאַרמערט
און זיינע שונאים צו פאַרצווייפלונג געטריבן.

עס זענען פאַראַן יידן

עס זענען פאַראַן יידן,
וואָס זענען זייער צופרידן
מיט די גרויסע גליקן,
וואָס ווערן צוגעזאָגט פון קאַטאָליקן.

עס הייסט, אַז די הייליקע אינקוויזיציע
האָט זיך געווענדט מיט א פּעטיציע
צו זייער גאָט —
ער זאָל געבן אַ פאַרבאָט
מען זאָל יידן מער נישט טאָרטורירן,
מען זאָל זיך שוין מיט זיי פיין אויפפירן.

עס דאַרף ארויסגעגעבן ווערן אַ מאַניפעסט
אַז די יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ פּעסט,
מען דאַרף שוין האָבן צו זיי מער געדולד
און פון זיי אַראָפּנעמען די שולד
וואָס עס טראָגט אויף זיך
אפילו יעדעס נייגעבוירן יידיש קינד
ווײַל עס האָט זיך אין קרייציקן באַטייליקט —

כאָטש דאָס האָבן געטאָן די רוימער
פאַר צוויי טויזנט יאָר,
אָבער אין יעדן ייד איז געבליבן אַ שפּור
פון דעם פאַרגאָסענעם געטלעכן בלוט,
און דערפאַר האָט מען אין יעדן דור
מיליאָנען יידן געמאָרדעט און געפּייניקט.

און אויב היינט האָבן זיך געטראָפן אַ פּאָר,
וואָס נאָך צוויי טויזנט שרעקלעכע יאָר
ווילן ענדלעך פאַרגעבן דעם יידישן קינד
די קיינמאָל נישט באַגאַנגענע זינד —
האָבן זיך אָבער געפונען נאָך מערער
וואָס האָבן נאָך נישט גענוג
דעם ים מיט יידישע טרערן.

און אויב עס טרעפן זיך יידן
וואָס גלייבן זייער שמייכל —
איז נאָר דערפאַר,
ווייל זיי האָבן נישט קיין שכל.

איך קוק מיך אַרום

איך קוק אַהין, איך קוק אַהער —
עס איז מיר צו גלייבן שווער,
ווען איך זע פון וואָס דער עולם קוועלט:
עס האָט זיך אינגאַנצן געענדערט די וועלט.

ווען עס קעמפן צוויי אַטלעטן
און איינער האָט אויסגעשלאָגן דעם צווייטנס אויג,
וועט דער צושויער זיך זיכער וועטן,
אַז דער איז דער בעסטער, ער טויג.

איינער האָט אויסגענאַרט אַ סך געלט;
ווײַל די מענטשן האָבן אים געגלייבט.
ביים הײַנטיקן עולם איז ער אַ העלד,
ווײַל דאָס געווויסן געוואָרן איז פאַרטויבט.

ד״ר יצחק לעווענטער

פאַרוואָס איך שרייב ווייניק

איר פרעגט מיך,
פאַרוואָס איך שרײַב אַזוי ווייניק
און פאַרוואָס איך פּובליציר נישט דאָס שרייבן —
האָף איך, אַז איר וועט זיין מיט מיר אייניק,
אַז צום שרייבן מוז עפּעס טרייבן פון אינעווייניק.

איך בין נישט קיין שרייבער,
וואָס שרייבט פאַר געלט,
איך בין נישט קיין שרייבער
וואָס זוכט יענע וועלט,
איך שרײַב, ווען עס טרייבט מיך
אַן אינערלעכער דראַנג,
ווען איך פיל, אַז פון מיין ווייטיק ווערט אַ געזאַנג...

איך שרייב ווען מיין ווייטיק ווערט גרויס
און קומט פון דער טיף אַרויס
אָט די טראַגיק פון יידישע זעקס מיליאָן
גיט מיין שרייבן דעם טאָן.

דוּיער אין טרערן

אַ דראַנג צו שרייבן

איך האָב היינט אַ דראַנג צו שרײַבן
כדי עס זאָל עפּעס פאַרבלײַבן —
איך בין דאָך געבליבן נאָר איינער,
פון מײַן משפּחה איז נישטאָ קיינער.

יעדער רגע געדענק איך
מײַנע טײַערע שוועסטער און ברידער
און מײַן טײַער איינציק קינד.
אין מײַנע געפילן איז איין אייביקער קידער־ווידער,
און עס קאָן זיך נישט שטילן מיין שרעקלעכע וווּנד.

איך אַרבעט שווער און טראַכט יעדן צו טרייסטן,
אָבער פאַר מיר
קאָן איך נישט געפינען קײַן טרייסט —
פאַר מײַנע קראַנקע
באַמי איך זיך דאָס בעסטע צו לײַסטן:
אין נאָמען פון אונדזער אַלטן
און געהויבענעם יידישן גייסט.

5.11.1965

אינהאַלט

ווי די פּאַליאַקן האָבן זיך אויפגעפירט אין גאַליציע . . . 9
דער יידישער פישהענדלער 19
דער גרויסער גינעקאָלאָג 21
עס שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס אומגליקלעכע קינד . . 23
צרות לערנען אונדז 25
צוויי צוקער־קראַנקע 27
נאָך היינט פרייט עס מיך 29
אַ זעלטענע טראַגעדיע ביי יידן 31
טייל מענטשן זענען דאַנקבאַר 34
דאָס בלוט אָרעמע מיידל 37
דעם פּאַסעסאָרס אומגליקלעכע פרוי 39
די איבערלעבונג פון אַ יונגן געריכט־דאָקטער 41
פּאַט — אונדזער געטרייער הונט 44

לידער

צו מיין פרוי 49
האָב איך געגרייזט ? 50
איך זע זיי 50
מיין קאָפּ טוט וויי 51
שוין אַריבער די זעכציק 52
גיב דיך נישט אונטער 52
עס לויפט אַוועק אַ טאָג 53
מיין טייער קינד 53
דאָס געוועזענע קומט פאַר די אויגן 54
עס לויפן די טעג 55
ווידער געקומען אַ ביטערע נאַכט 56
מיין האַרץ וויינט 57
ביינאַכט 58
מיין קינדס געבורטסטאָג 59
דער מידער בליק פון מיינע אויגן 60
ביז אַלץ וועט פאַרגיין 60
אַלץ לויפט נאָכן געלט 61
וואָס לויפט איר ? 61

איך האָב געהאַט אַ חלום 62
ווען עס קומט די נאַכט 63
דער 20טער מערץ 1942 אין ראַהאַטין 64
יידן גייען צו דער באַן 66
אַ יינגעלע 67
יידיש 70
יידן זענען טייער 70
איך הער מיך צו צום ליד 71
ווען מענטשן געפינען אויס 72
איך האָב פאַרלוירן 72
יידישע קינדערלעך 73
כ׳מוז געבן אַ באַשייד 74
אַלץ הייסט אַ פּאָעמע 75
אין שאַראָן ספּרינגס 76
אין תל־אביב 77
אַ תפילה 77
אַטלאַנטיק סיטי 78
פריידעלע 79
עס כמאַרעט זיך 79
אַ פּאַציענט 80
זייט איך האָב געענדיקט מעדיצין 82
צו די דאָקטוירים 83
איך גיי דעם לעצטן וועג 84
דער לעצטער וועג 85
אויף שמאָלן וועג 86
איך מוז אַמאָל זיין אַליין 86
צו דער לבנה 87
איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן 88
דער יידישער בוים 88
עס זענען פאַראַן יידן 89
איך קוק מיך אַרום 91
פאַרוואָס איך שרייב ווייניק 92
אַ דראַנג צו שרייבן 93